STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 03353

DERTSEYLT FUN HEDER

Aharon Rozenberg

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

אהרן ראזענבערג

"דערציילט פון הדר"

(סודות פון אַ לאָיערס אָפּיס)

דערציילונגען

סצענקעס

מאנאָלאָגען

פארלאג „נעשאַנאַל פאבלישינג קאמפאני"

דעטראיט, מישיגען, 1939

Tales Out of School

Selected Short Humorous Stories

by

AARON ROSENBERG

Copyright 1939, by Aaron Rosenberg
Detroit, Mich.

Published by
National Publishing Co.
National Bank Building
Detroit, Mich.

Printed in U. S. A.
Sussman's Print Shop
Detroit, Mich.

פאָרוואָרט

דאָס בוך, וואָס איך לייג דאָ פאָר פאר דעם לעזער, — איז א זאמלונג פון פארצייכנונגען פאר די לעצטע צוויי יאָר, — א זאמלונג פון סקיצען, בילדער, הומאָרעסקען און מאָנאָלאָגען, וואָס דער שרייבער האָט געשאַפען אלס בעאָבאכטער, מערסטענס פאר זיין אייגענער גייסטיגער באפרידיגונג.

ווי בא אן אידישען אדוואָקאט, פאר קנאַפּע צוואנציג יאָר, אין א גרויסער אמעריקאנער פּראָווינץ־שטאָדט, האָבען צווישען מיינע קליענטען זיך דורכגעוואָרפען — פון צייט צו צייט — אזעלכע טיפּען, וואָס זיינען שיעור ניט א „יוניקום" אין אונזער פארשיידענארטיגען אידיש־אמעריקאַנישען לעבען. מאַנכע פון אָט די טיפּען האָבען אונמיטעלבאר באווירקט דעם שרייבער ער זאָל זיי סקיצירען, אָדער פּאָרשטעלען זיי אין זייער אייגענעם גייסטיגען לבוש ווי די פּערסאָנאזשען ענטפּלעקען זיך פארן בעאָבאכטער.

ס'האָט זיך אָבער אַלץ ניט געמאכט קיין געלעגענהייט ביז מיט'ן לויף פון דער צייט האָבען אָט די פּערסאָנאַזשען, וואָס ווערען אין דעם בוך געשילדערט, זיך אַלץ בולט'ער און בולט'ער אויסגעשטאלטעט. דער רעזולטאט איז די רייע בילדער, טיפּען און „כאראקטארען", ווי איך זע זיי און ווי זיי האָבען זיך אויסגעקריסטאליזירט אויפן פּאַפּיר דורך די שפּאַקולען פון אַן אדוואָקאט, וואָס איז גלייכציטיג אויך א בעאָבאכטער פון לעבען און מענשען.

איך וויל דאָ ניט אנשלאגען קיין אפּאלאגעטישען טאָן; איך האַלט ניט, אַז ס'איז נויטיג זיך צו ענטשולדיגען פארן לעזער, פאר דעם, וואָס דער שרייבער האָט נאָר געזען דאָס גראָטעסקע אין דער כאראקטארען־גאלעריע, וואָס ווערען אין בוך געשילדערט.

אָט אזוי זיינען זיי און אזוי האָט ער זיי בעאָבאכטעט — אָדער פּאָטאָגראַפירט, אויב איר ווילט — אינם שפּיגעל פון לעבען, קומענדיג מיט זיי פּנים אל פּנים אין זיין קאבינעט, וואו זיי זיינען געקומען פרעגען אן עצה, אראָפּרעדען זיך פון הארצען, אָדער נאָר פּאָדערען „דזשאָסטיס" דורכ'ן לאָיער.

און אַט אַזוי גיב איך זיי דאָ איבער פאַר דער עפענטליכקייט — פאַרשטעלענדיג זיי פאַרן לעזער — אין דערוואַרטונג, אַז ער וועט דאָס בוך אויפנעמען אין דעם זין ווי עס איז געשריבען געוואָרען, ווי א בייטראַג צום הומאָריסטיש־סאַטירישען טייל פון דעם גאַנצען סכום ביכער און שריפטען, וואָס מיר רופען: אידישע ליטעראַטור.

דער באַשלוס אַרויסצוגעבען דאָס בוך איז אָבער ניט געקומען פון דעם גוואַלדיגען באַגער פונם שרייבער „פּאַראייביגט" צו ווערען . . . די אָנרעגונג קומט פון פריינד, פון אידישע אָרגאַניזאַציעס, באַ וועל־כע מאַנכע פון די מאָנאָלאָגען אין בוך, זיינען פאָרגעלייענט געוואָרען פון מאַנוסקריפּט און האָבען געהאַט דעם נויטיגען אָפּקלאַנג: זיי האָ־בען אַרויסגערופען האַרציגען געלעכטער.

דאָס איז געווען די אַלגעמיינע באַשטעטיגונג, און א באַפרידיגונג פאַרן שרייבער, אַז די זאַכען ענטהאַלטען יענעם עלעמענט, וואָס ער האָט אייגענטליך באַצוועקט מיט זיין שרייבען: צו מאַכען דעם לעזער און צוהערער לאַכען, — לאַכען איבער די אַלע גראָטעסקע דערשיי־נונגען, איבער דעם מאָדערנעם געדאַנקען־גאַנג, איבער דער פּסיכאָלאָגיע פון די כאַראַקטער־פּאָרטרעטען, וואָס דער שרייבער האָט געפונען אין האַרטען, פּראָזאאישען לעבען אונזערען, אויף דער אַמעריקאַנער פּראָ־ווינץ.

עס איז, ווי געזאָגט, געווען די אַנרעגונג פון פריינד, צווישען זיי ליטעראַרישע מבינים און אַקטיווע אידישע זשורנאַליסטען, וואָס האָט גורם געווען, אַז א טייל (דערווייל) פון מיינע פאַרצייכנונגען זאָלען געזאַמעלט ווערען צווישען די טאָוולען פון א בוך וואָס האָט ניט קיין פּרעטענזיעס פאַר אַן אויבענאָן אויפן ליטעראַרישען פּאַרנאַס.

איך וויל אָבער יאָ באַטאָנען — פאַר דער אינפאָרמאַציע פון די קריטיקער, פּראָפעסיאָנעלע, ווי דילעטאַנטישע — אַז דאָס בוך איז ניט קיין פּראָדוקט בלויז פון דער פאַנטאַזיע.

די אַלע „כאַראַקטאָרען", קוריאָז און אויסטערליש ווי מאַנכע פון זיי זען אויס, אין זייער נאַאיוויטעט ווי אין זייער שלויקייט, אין זייער פּשטות ווי אין זייער גראָטעסקער איבערגעשפּיצקייט — זיינען גע־נומען פון'ם לעבען, פון רעאַלען לעבען, וואָס איז פול מיט פּאַראַ־דאָקסען — מיט די שאַרפע ווידערשפּרוכען, פון טויט־ערנסטקייט ביז'ן טשיקאַווסטען הומאָר, פון טיפסטען טראַגיזם ביז'ן איבער־וועלטיגסטען געלעכטער — וואָס מיר זיינען באַרעכטיגט צו געניסען

אפילו אין די איצט אויסערגעוויינלאך שווערע צייטען אינ'ם אלגע־מיינעם אידישען לעבען פון דער וועלט און פון אידישען לעבען בא אונז אין לאנד.

מיט א געפיל פון באפרידיגונג, אז מיין בוך וועט ביטראגען גע־לעכטער און אביסעל פריילינקייט, צו צעשטרייען דאס אומעטיגע גע־מיט, וואס פילט זיך אויף דער אידישער גאס אין די פארשידענע גרעסערע און קלענערע קבוצים אונזערע אין אמעריקא — גיב איך עס איבער דער עפענטליכקייט.

און זאלען די לעזער אורטיילען.

אהרן ראזענבערג

דעטרויט, מישיגען

מאי — 1939.

מיקים בר מצוה

(אַ ווײ געשרײ פון א „היברו טיטשער")

איך זע, אַז איר וואונדערט זיך, וואָס איך בין אזוי פארבענדעזשט, לאָמיך אייך זאָגען דאָס איר זיינט ניט דער איינציגער וואס וואונדערט זיך. עס וואונדערען זיך אַלע מיינע באַקאַנטע. איך אַליין וואונדער זיך ווי אזוי איך א היברו טיטשער, וואָס טשעפּעט ניט קיין פליג אויף דער וואַנט זאָל קריגען די זייטען אזוי אונטערגעהאַקט און א צושפּאַלטענעם קאָפּ? עס איז דאָך טאַקי אַ זאַך וואָס מען דאַרף באַשרייבען אין די צייטונגען. נאָר ניט דאָס בין איך אויסען. וואָס איך וויל איז . . . אז איר זאָלט אַנפאנגען אַ קעים פאר צען טויזענט דאלער אנטקעגען זיי. וועט איר דאָך מן הסתם מיך באַלד פרעגען אנטקעגען וועמען . . . נו, איז ווײס איך טאַקי ניט . . . איז דאָך טאַקי דערפאר דער אומגליק אזוי גרויס, מען האָט מיך צו׳הרג׳עט, צוקריפּעלט און איך ווײס ניט ווער. איר קוקט מיך אָן, האַ? זע איך דאָך, אַז איך וועל אייך מוזען דערציילען די געשיכטע פון אנהויב ביז׳ן סוף . . . אפשר וועט איר דערגיין א טאלק ווער עס איז דער שולדיגער . . . און וועמען מען זאָל קלאָגען.

איך האָב אייך געזאָגט אַז איך בין א היברו טיטשער. איך בין אָבער ניט פון די פּראָסטע לערערס. איך בין א ספּעציאַליסט. איך גיב זיך אָפּ מיט צוגרייטען און פארפערטיגען אינגלאך פאר זייער בר מצוה. גיט מיר דעם גרעסטען זשלאָב און אין צוויי מאָנאַטען צייט קומט ער ארויס בא מיר א . . . עס הייסט, קיין תנאי קומט ער בא מיר ניט אַרויס — נאָר ער קען די ברכה

גאַנץ אנשטענדיג . . . ספּעשעל, אַז מיין באָיטשיק איז מיר ניט נערוועז אָדער עקסייטעד בּאַ דער צערעמאָניע . . . מיינע אינג־לאַך ווייסען שוין גאַנץ גוט דעם אונטערשיעד צווישען תפילין און להבדיל פּוט־בּאָל . . . מיינע חברה וואַרפען זיך מיר ניט אַרום מיט קיין תפילין . . . בּאַ מיר פירען זיי זיך ניט אויף ווי בּאַ דראַגאַטשען דעם לערער . . . אויך מיר א לערער . . . יענער איז דאָך א פּאַרטאַטש . . . ער אַדוועדטייזט דאָס אין איין מאָ־נאַט צייט מאַכט ער פון א טשעכאָ־סלאָוואַק א גאון . . . דער בחור גיט מיר א סך קאָמפּעטיציע . . . ווייל עס זיינען דאָ א סך אידישע עלטערען וואָס גלויבען אים.

גלויבט מיר ווען מיינער א בחור׳ל שטעלט זיך אַוועק דעלי־ווערען מיין ספּיטש נומער „13״ צו דער בר מצוה איז שוין פאַ־ראַן וואָס צו הערען. אַזוי ווי איר קוקט מיך אָן האָב איך צוגע־גרייט 45 ספּיטשעס פאַר אַלערליי געלעגענהייטען . . . פאַר חתונות, פיונעראַלס, אינסטאַלליישאָן פון אָפיסערס . . . און זיי זיינען בּאַ מיר אַלע נומערירט . . . נאָר דעם גרעסטען סוקסעס וואָס איך האָב געהאַט „סאָ פאַר״ איז מיט מיין ספּיטש נומער „13״. און אויב א באָיטשיק דעליווערט עס ריכטיג איז שוין פאַ־ראַן וואָס צו הערען. דער ספּיטש איז אין ענגליש, איז דאָס זייער גרינג פאַר די חברה זיך אויסצולערנען . . . די גאַנצע צרה מיט דעם ספּיטש איז די עטליכע העברעאישע ווערטער וואָס איך האָב דאָרט אריינגעשטעלט . . . איז טאַקי וואָס מיינט איר . . . נעמט זיי אַ וואָך זיך אויסצולערנען דעם ספּיטש און די איבעריגע צייט גייט אַוועק אויף די העברעאישע ווער־טער. און גלויבט מיר, איך ווער טאַקי אַמאָל פאַרברענט פאַר שאַנדע ווען איינער פון מיינע בּויאַנעס הויבּט אָן דונערען מיט דעם „וארשתיך לי בצדק ובמשפט ובחסד וברחמים״ . . . עס

קלינגט להבדיל אזוי ווי א קאצאפּ מאכט די אמת׳ע רוסישע ברכה . . . וואָס קען איך אָבער טאָן? איך קען דאָך ניט אין צוויי מאַנאַטען ארויפזעצען מיין קאָפּ אויף זיי און א חוץ דעם קען איך די חברה קיין צופיל צייט אויך ניט געבען. ערשטענס, אַרבעט איך טאַקי שווער א גאַנצען טאָג . . . איך פּעדעל מיט רעין קאָוטס . . . איז באַנאַכט בין איך טאַקי מיד און שלעפּער־דיג. און צווייטענס איז טאַקי אומעגליך אויסצולערנען די באַנ־דיטען, ווי זאָגט מען, גאַנץ תורה על רגל אחת . . . אָבער פּרנסה איז פּרנסה און די עקסטרא פּאַר דאלער וואָס איך מאַך פון די בר מצוות גייען טאַקי ניט צופּוס . . .

דאָ אַנומעלטען קומט אַריין צו מיר א איד . . . איר דאַרפט אים קענען . . . מען זאָגט אויף אים אז ער איז אָנגעשטאָפּט . . . מיט געלט, הייסט עס . . . זיין נאָמען איז בעני סטאָלשאַוער. נו, אַז אַזא אידעל ווי סטאָלשאַוער קומט אַריין מאַך איך אים א וואָרע. וואָס וויל דער סטאָלשאַוער? ער וויל אַז איך זאָל פּריי־פּיירען זיין באַי מיקי צו דער „באַל מיצווע״ מיט א „לושען קווי־לעשדיגען״ ספּיטש. „איך וועל זיך לאָזען קאָסטען אַן עקסטרא פּאָר טולער״, מאַכט ער. נאָר לאָז מיר דער אינגעל ספּיטשעווען אין „לעברעאיש״ ווייל עס וועלען בא מיין פּאַרדי זיין אַזעלכע מענשען וואָס איך וויל, אַז זיי זאָלען ניט פּארשטיין א וואָרט.״ אַלעס וואָס ער גיט מיר, איז איין מאָנאַט צייט, ווייל, זאָגט ער, „עס איז מיר ארויסגעקראָכען פון קאָפּ די גאַנצע געשיכטע מיט דער „באַל מיצווע״ . . . און איך בין אַביסעלע „טו לעיט״ מיט דער גאַנצער ביזנעס . . . איר וועט שוין מוזען מאכען אַן האַרי אַפּ דזשאָב . . . פון מיינעט וועגען זאָל דער אינגעל זאָגען „יקום פּורקן״ אָבי עס זאָל זיין אויף העברעאיש. „האַוטערע״ מיט די „ברוכעס״ בין איך אייך מוחל — איר גיט מיר דעם ריכטיגען

ספּיטש און דער דיל איז א דיל.״

נו, ווי זאָגט מען, עס איז דאָך פּרנסה. איך האָב זיך גענומען צום אינגעל. וואָס זאָג איך — איך האָב זיך גענומען צום אינגעל. דער אינגעל האָט זיך גענומען צו מיר און אינ׳ם מאָנאט צייט האָב איך שיעור ניט פארלוירען מיין געזונט... דער מיקי האָט מיך געמאכט פאר אוים מענש... מיינע הענט ציטערען מיר נאָך עד היום ווען איך דערמאָן זיך אין אים... אזוי שנעל ווי ער פלעגט נאָר אריינקומען צו מיר אין הויז פלעגט זיך מיין פרוי באהאלטען פון אים... אזוי האָט זי געציטערט פאר אים ... די ווענט פלעגען ציטערען ווען ער פלעגט עפענען די טיר .... די שויבען פלעגען ארויספאַלען ווען ער פלעגט צומאַכען די טיר... מיט זיין ערשטען אריינקומען האָט ער געמאכט אזא „אינטראָדאקשאָן:״ „איי עם מיקי סטאָלשאַווער ... איי עם גאָינג טו בי איי רעסלער ... ווען יו טאָק טו מי יו גאָט טו סמייל ... אָר אייל נאָק די סטאָפּינגס אָוט אָף יו.״ ווי געפעלט אייך אזא מין פאָרשטעלען זיך ... איר פארשטייט, איך דאַרף גאָר שמייכלען צו אים, אז ניט וועט ער מיך בודק חמץ זיין, און דער בחור האָט געמיינט ביזנעס... ער האָט געקענט דער־לאַנגען... מיר דאַרף מען קיין סך ניט דערציילען און איך האָב באַלד דערקענט, אַז דער מיקי האָט א סך טאַלאַנט אויף אוים־שלאָגען ציין ... איז וואָס מיינט איר, האָב איך טאַקי געהאַט א סך רעספּעקט פאר אים. עס רעדט זיך ... רעספּעקט ... איך האָב פליין און פּשוט מורא געהאַט פארן חברה־מאַן.

„מיקי,״ האָב איך אים געזאָגט: „דו וועסט זיך מוזען אוים־לערנען ספּיטש נומער „13״ צו דיין בר מצוה.״

„נאָט אַן יור לייף — 13 איז אַנלאַקי ... גיוו מי אַנאַדער נאַמבער״ ער גלייבט ניט 13 ווייל עס איז אים ניט מזל׳דיק.

„טאָק פּאָליט טו מי . . . איי גאָט הער אַן מיי טשעסט״ איך זאָל רעדען איידעל צו אים ווייל ער האָט הערלאַך אויף זיין ברוסט. אַט אזא באַאַן איז דאָס געווען . . . איך זאָג אייך גומל דארף איך בענטשען וואָס איך בין ארוים פון זיינע הענט אַ לעבעדיגער. איך האָב געוואָרט אויף זיין בר מצוה אזוי ווי איר וואָרט עפּעס אויף אַ גוטער קעים . . . אָבער אז עס איז באַשערט אַן אומגליק קומט עס אומגעריכטערהייט. אַ פּאָר טעג פאַר דער בר מצוה פּאַדי איז מיך ווידער געקומען באזוכען בעני סטאלשאווער, מיקי׳ס טאַטע. „נו, האָט ער באלד אַ פרעג געטאָן, „מיין מיקי ווייסט זיין סטאָף?״ איך בין זייער פּריטיקלע דאָס ער זאָל זיין אַ קעי. ווייל בא זיין בר מצוה וועט זיין די קרים פון שטאָט.

„אַזוי!״ בין איך געוואָרען פאַראינטערעסירט. „וועלכע רבנים האָט איר איינגעלאַדען?״

„רבנים מי איי״, ער האָט געקוקט אויף מיר אזוי ווי אויף אַ ווילדען מענשען. „ווער דארף די רבנים? וואָס האָב איך פון די רבנים? איך זאָג דאָך אייך, אַז איך האָב איינגעלאַדען די קרים אָף די קראָפּ. איר וועט דאָרט האָבען אלע פּאָלים דזשאַדזשעס. פּאָלים אינספּעקטערס, פּאָלים קעפּטענס, דעם שעריף מיט אלע זיינע דעפּיוטים. בא מיר, אַז איך מאַך אַן אַפעיר מוז זיין אַן אַפעיר. ניט אזוי ווי בא מיינעם אַ קאָזען אויף דער איסט סייד. איר פארשטייט, ער מאכט אַ בר מצוה, איז וועמען האָט ער דאָרט געהאט — גאנצע דריי קאָנסטייבעלס מיט אַ קאָונסילמאַן און עפּעס אַ צוקוועטשטען פּאָלים קעפּטען . . . בא מיר וועלען זיין אלע . . . און אלע אין יוניפאָרמס . . . איר פאַרשטייט, יוניפאָרמס מיט בעדזשעס באַשיינען אַ שמחה . . . רעד בוטש, דער באָנדסמאַן, מיט זיין גאנצער גענג וועט בא מיר

זיין . . . אַז עס קומט צו אַזעלכע פּאַדעס איז בעני סטאַלשאַווער א ספּאָרט. איך לאָז זיך קאָסטען. א בר מצוה איז איין מאָל אין אַ קינד׳ס לעבען, און זאָל ער הנאה האָבען.

„הערט", איך וואָלט וועלען אַז איר זאָלט אויך רעדען בא דער פּאַדי א פּאָר ווערטער. רעדט אָבער אין ענגליש און רעדט ניט פון „דזשואיש רעלידזשאָן." אזוי ווי מען האָט גערעדט בא מיין קאָזין. איר דעליווערט מיר עפּעס סטאָף וועגען ביזנעס, וועגען אַמעריקע, וועגען . . . וואָס איר ווילט, נאָר רעדט ניט פון „רע־לידזשאָן" ווייל עס פּאַסט ניט פאר די גוים.

צו דער סטאַלשאַווער׳ס בר מצוה פּאַדי בין איך געקומען אַביסעל שפּעטלאך. ווייל איך האָב געהאַט א ספּעשעל . . . איך האָב געמוזט צוגרייטען דעם פּרעזידענט פון א לאַנדסמאַנשאַפט פאַראיין צו האַלטען מיין פיונעראל ספּיטש נומער 6, איבער א פאַרשטאָרבענעם ברודער. ווען איך בין אריינגעקומען אין זאָל האָב איך גלייך זיך געוואָלט צוריק קערען, ווייל איך האָב גע־מיינט אַז איך בין ניט אין ריכטיגען פּלאַץ. די טישען זיינען גע־ווען באַזעצט מיט מונדירען מיט שיינענדע קנעפּלאך . . איך האָב געמיינט אַז איך בין אריינגעפּאַלען אין א סאָלדאַטסקער קאַזאַרמע. נאָר אָט האָב איך דערהערט סטאַלשאַווער׳ס שטימע: „היר הי איז . . . היר איז די רעביי." און מען האָט גאַנץ פיין געמאַכט פּלאַץ פון מיינעטוועגען צווישען צוויי פּאָליסלייט . . . איך האָב בסך הכל מורא פאר א פּאָליסמאַן אמת מות — נו, זעצט מען מיך אַוועק נאָך צווישען צוויי . . . און נאָך אַזעלכע געזונטע אויסגעפּאַשעטע . . . איך, אַ פּיצעל אידעלע זיץ מיר צווישען צוויי געזונטע קאַצאַפּעס — מיט פּלייצעס ווי לאָקשען ברעטער — זיי האָבען מיך שיעור ניט דערקוועטשט זאָג איך אייך . . . מיינע פּאָלים קעפּטענס זיינען שוין געווען גאַנץ גוט

באשנאשקעט נאָר זיי זיינען געווען קענטיג גאַנץ גוטע באַיעס. זיי האָבען מיך געהאַלטען אין איין מכבד זיין מיט שנאַפּס. „העוו עי דרינק, רעביי.״ און „טו יור העלט רעביי״, און גיי זאָג זיך אָפּ און טרינק ניט מיט זיי . . . אַז איך האָב מורא געהאט אַן אַטעם צו טאָן א הויכען. נו, האָט זיך מיר מיין קאָפּ גאַנץ גוט אנגעהויבען דרייען . . . ווייל וויפיל מ׳שטיינס געזאָגט, קען א איד אויסטרינקען . . . נו, דרייט זיך מיר די הויז. דאָס מעבעל פאר די אויגען, דער שוויים רינט פון מיר, ווייל איך ארויסנעמען מיין נאָז־טיכעל פון מיין הויזען קעשענע . . . איך שטעק אַריין מיין האַנט, טאַפּ איך אָן עפּעס א הארטע זאַך . . . איך גיב נאָך אמאָל א טאַפּ . . . איך זאָג אייך מיין מאַמעס בלוט איז מיר אנטרונען געוואָרען . . . א רעוואָלווער . . . איך האָב אנגעטאַפּט דעם פּיסטל וואָס האָט ארויסגעשטעקט פון קעפּטענס פּאַקעט . . . האָב צוגעכאַפּט די האנט אזוי דוי איך וואָלט זיך אָפּגעבריט . . . איך, אז איך דערזע א בילד פון אַ רעוואָלווער שלאָגט מיר ממש צום חלש׳ן . . . און דאָ בין איך פּנים אל פּנים מיט די ריכטיגע וואַרע . . . און עס שטעקט מיר גלייך אין זייט . . . וואָס זאָל איך אייך זאָגען, איך האָב שוין דעם שוויים ניט אָפּגעווישט . . . עס האָט שוין געקאַפּעט פון מיר אין זופּ, אין שנאַפּס, און אין דער קאַפּע . . . בין געזעסען אַן אויסגעצוואָגענער, אַן אויסגעווייקטער . . . און דאָ דרייט זיך מיר דער קאָפּ ווי א ווינט־מיל . . . עס שווינדלען פאר מיינע אויגען קנעפּלאַך . . . א גאַנצער ים מיט קנעפּלאַך . . . ברעסענע קנעפּלאַך . . .קופּערנע קנעפּלאַך . . . געזונטע, פעטע פּנימער . . . רויטע, רונדע קארקען . . . און אַלץ וואָס איך זע אויפן טיש איז פּלעשלאַך . . . פּלעשלאַך גרויסע, קליינע . . . די פּלעשלאַך האַלטען זיך אין איין

איבערקערען אין גלעזלאך אריין און די גלעזלאך פארשווינדען אין די גרויסע מיילער . . . און אלעס וואָס איך הער איז „דאָן די סוער" און א גאָס אין מויל . . . „היר'ז לוקינג עט יו" און א פליוך אין מויל . . די שטימען זיינען אזעלכע גראבע, באסאווע, הייזעריגע . . .

פלוצים ווערט א געשריי . . . „ספיטש, ספיטש . . . שעריף סמיט וויל ספיק" . . . און עס האָט זיך אוועקגעשטעלט (עס הייסט ער האָט שוין הפנים אויף די פיס ניט געקענט שטיין) א גרויסער, ברייטער ערל — מיט א פנים גרעסער פון דער לבנה און מיט א קאָזאַצקען קול האָט ער א געשריי געטאָן . . . „עווריבאַדי קווייעט" . . . אָבוואל דער צונג האָט זיך שוין בא אים געפלאָנטערט, נאָר פון דעסטוועגען האָט ער אזא קלאַפּ געטאָן אין טיש, אַז די פלעשלאך מיט די גלעזלאך זיינען אונטערגעשפרונגען כמעט ביז צו דער סטעליע . . . דאָס הארץ האָט אַזש בא מיר אויפגעהערט קלאַפּען פאר שרעק.

„מיר זיינען געקומען אַהער צו האנאַרען אונזער פריינד בען סטאלשאווער", האָט דער שעריף אנגעפאַנגען. טו לאָמיר אלע זינגען צוזאַמען „פאָר הי איז עי דזשאָלי גוד פעלאָו" און אויב איינער פון אייך וועט ניט מיטזינגען וועל איך אים ארויסזעצען די ציין." ער האָט געהאלטען א גאלאָן פלעשעל אין האַנט אין אַזאַ פּאָזישאָן דאָס מען האָט געקענט זען אז ער מיינט ביזנעס . . . נו, א ברירה האָב איך געהאט . . . האָב איך געזונגען . . . וואָס הייסט זינגען, איך האָב אזוי געשריען דאָס דער שעריף זאָל מיך הערען אז עס האָט מיר גענומען קלינגען אין די אויערען . . . איך זינג און קוק אויפן שעריף און אויפן פלעשעל . . . . איך פיל אז איך בין דאָ מיט מיין לעבען ניט זיכער . . . א פאַלשער טאָן און דאָס פלעשעל פליט מיר אין

קאַפּ אריין . . .

אָפּגעזונגען, האָב איך זיך אװעקגעזעצט. זיץ איך אין געהאַקטע װאונדען מיט פּיסטאָלס אין די זײַטען . . . און מײַנע צװײ פּאַלים קעפּטענס דרעמלען שױן אײן פֿון שכרות . . . און זײ שאָקלען זיך און װיגען זיך אַזױ װי להבדיל אַ חסיד באַם דאַװנען . . . און . . . אָט, אָט . . . און עס פֿאַלט אױף מיר אַ פּאַליסמאַן . . . און אױב ער פֿאַלט אױף מיר צעטרעשטשעט ער מיר די ביינער . . . עד מתי, פֿרעג איך זיך דװקא שטילערהײט . . . װען װעט זיך שױן דאָס ענדיגען? . . . עפּעס פֿיל איך אין מײַנע ביינער, אַז קײן לעבעדיגער װעל איך שױן פֿון דאַנען ניט אַרױס.

שאַט . . . דער שעריף זעצט פֿאָר די רעדע זײַנע: „לײדיס און דזשענטעלמען . . . איך װיל אײַך זאָגען װאָס בעני סטאַלשאַװער איז „עי גוד פֿעלאָו ענד עי העל אָף עי נײס דזשו”, בען איז מײַנער אַ גוטער פֿרײַנט . . . „ביי דזשיזוס” גיט ער װײַטער אַ הילכיגען קלאַפּ אין טיש, אַז מײַנע צװײ שכנים, די פּאַלים קעפּטענס האָבען זיך אַזש אױפֿגעכאַפּט פֿון שלאָף . . . „ביי דזשיזוס” ער איז מײַן בעסטער פֿרײַנט . . . און איך האָף אַז זײַן זון מיקי װעט אױסװאַקסען אַ גרױסער, אַ געזונטער און ער װעט אַרױס „נאַקען” דזשאָו לואיס . . . ער האָט דעם סטאַף אין זיך און „שור עס העל” ער װעט זײַן אַ גרעסערער פֿײַטער װי מעקסי בער. איך טרינק אַ טאָוסט צו מײַנע „דזשואיש פֿרענדס” — איך גלײַך די דזשואיש פּיפּעל . . . אַ סך פֿון מײַנע בעסטע פֿרײַנט זײַנען דזשוס, און איך האָף אַז די דזשואיש פּיפּעל װעלען ניט פֿאַרגעסען אַז שעריף מאַרטין סמיט און זײ װעלען שטימען פֿאַר מיר נעקסטען מאָנאַט פֿאַר מײַן רי־עלעקשאַן פֿאַר שעריף אױף דעם רעפּובליקאַנישען טיקעט. איך טרינק נאָך



אמאָל א טאָוסט און זאָג „וואָוט סטרייט רעפּובליקאַן."

דאַכט זיך אַ גאַנץ מילדע רעדע, האַ? דאָס דיינקט איר אזוי. אָבער ניט רעד בוטש דער באַנדסמאַן . . . ער איז דאָך שוין געזעסן כמעט מער טויט ווי לעבעדיג . . . די אויגען פאַרמאַכטע . . . נאָר אַז ער האָט דערהערט, וואוט רעפּאבליקאן, איז ער אויפגעשפּרונגען א פאַרצאַפּעלטער און האָט אזא שטאַרקען קלאַפּ געטאָן אין טיש מיט א באָטעל „סיגרעם," אַז מיינע צוויי קעפּטענס האָבען זיך ווידער אויפגעכאַפּט פון שלאָף און האָבען זיך פון אימפּעט גלייך א כאַפּ געטאָן צו זייערע ביקסען. מאַמעלאך מיינע . . . אַז איך האָב דאָס דורכגעלעבט בין איך שטאַרקער פון אייזען.

„טו העל וויט די רעפּובליקאנס" האָט בוטש א געשריי געטאָן; . . . איך בין א דעמאָקראַט און איך וויל אז אלע מיינע פריינט זאָלען שטימען סטרייט דעמאָקראַטיק."

איך וויים ניט ווי אזוי און פון וואנען, נאָר איך האָב דערזען פלעשער פליהען. איך האָב געהערט פלעשער פּלאַצען, גלעזער קראַכען, ווער עס האָט געוואָרפען אויף וועמען ווייס איך ניט עד היום . . . נאָר פּלוצלונג האָב איך דערזען שטערען אין די אויגען . . . עס איז מיר געוואָרען פריער שטאַרק ליכטיג און נאכהער גאַנץ פינסטער און בין געבליבען ליגען א באַגאָסענער מיט בלוט און מיט שנאַפּס . . . מיין דאָקטאָר זאָגט אַז פון איין באָטעל וואָלט איך ניט געדאַרפט האָבען אזוי פיל סטיטשעס אין אזוי פיל פלעצער.

בקיצור המעשה . . . איך קען אייך ניט איבערגעבען אלין וואָס דאַן איז פאָרגעקומען . . . איך געדיינק אפילו ניט ווען איך האָב אָוועקגע׳חלש׳ט . . . אלעס וואָס איך געדיינק איז, אז ווען איך בין געקומען צו זיך — בין איך געליגען עפּעס אויף א

בעטעל, מיקי איז געשטאַנען און האָט מיר געגאָסן ביער אין פּנים אַריין . . . „סיסי" מאַכט ער צו מיר „סאָ יו קענט טייק איט."

אַז מען האָט מיך געבראַכט אהיים און מײַן ווייב האָט מיך דערזען האָט זי אָנגעהויבן ברעכן די הענט „ווי איז מיר וואָס מען האָט געמאַכט פון אים? האָט מען כאַטש אַרונטער־גענומען דעם לייסענס נומער פון דעם טראָק?"

„וואָס טראָק, ווען טראָק", האָב איך קוים אַרויסגעשעפּ־טשעט — איך קום ערשט פון א בר מצוה.

וואָס זאָל איך אייך זאָגן . . . צו בר מצוה פּאַדים וועל איך אַזוי שנעל ניט גיין . . . זאָל דער פּאָלים דעפּאַרטמענט און דער שעריף מיט די דזשאַדזשעס זיך ענדזשאָיען אָן מיר . . . איך וועל אָבער די זאַך ניט פאַרשווייגן . . . איך וועל זיי קלאָגן פאַר צען טויזענט דאָלער . . . מ'האָט דאָך מיך געמאַכט פאַר א קריפּעל . . . אָבער וועמען פּאָרט זאָל איך קלאָגן? . . . אַז דער אומגליק איז אַזוי גרויס . . . מען האָט מיך צו'הרג'עט און צוקריפּעלט און איך ווייס ניט וועמען צו קלאָגן . . . איר ווייסט וואָס איך וועל אייך זאָגן . . . קלאָגט זיי אַלעמען . . . קלאָגט די רעפּובליקאַנער, קלאָגט די דעמאָקראַטען, קלאָגט דעם גאַנצען פּאָלים דעפּאַרטמענט, אַז קלאָגען זאָל מען נאָך זייערע קעפּ ווי זיי האָבען מיך צו'הרג'עט . . .

אַראָפּגערעדט זיך פון האַרצען

(דער גאליציאנער מיט זיין חתונה אוואנטיורע)

יונגע אומפארהייראטע לאָיערס האָבען מורא פאר צוויי סארטען מענשען, פאר ריכטער און פאר שדכנים. איך בין ניט געוועזן קיין יוצא מן הכלל. ווען איך האב די ערשטע צייט גע־מוזט ערשיינען פאר א ריכטער, האבען בא מיר געציטערט די הענט — און ווען איך האָב דערזען א אידען מיט א לאנגער ברוינער באָרד פלעגען בא מיר אנהויבען ציטערען די הענט מיט די פיס. ווייל איך בין פארפאלגט געווארען פון שדכנים . . . מיט לאנגע ברוינע בערד.

זיץ איך מיר אזוי איין מאָל אין מיין קאבינעט און פיל אזוי ווי די שפין אין שפינוועב ווארטענדיג אויף דער פליג, פלוצים הער איך א סקריפּ פון דער טיר. די טיר עפענט זיך צוביסלאך און איך באמערק דורכן קליין שפעלטעל די שפּיץ פון א ברוינער בארד, נאכהער א האלבע בארד . . . און מיט אמאָל א גאנצע ברוינע בארד . . . מיט א נאָז. די בארד מיט דער נאָז זיינען אריין אין קאבינעט.

— „מקענזאכזעצען?" האָט די נאָז ארויסגעפייפט.

נאָך איידער איך האָב צייט געהאט צו ענטפערען איז שוין דער אייגענטימער פון דער בארד־נאז געזעסען בא מיין שרייב טיש, און זיין האריגע האנט איז שוין געווען אין מיין סיגא־רעטען קעסטעל.

„סאנישקושידיגער פאפיראסעל," האט די נאז א בלאז געטאן דעם רויך צו דער סטעליע. נאָר א לאָיער קענזעכעס פארגינען.

„זוגטנאַר, יאַכבייט אייך, איר זאַטשען פאַרייראַטן?" דאָס דער־וואַרטעטע איז געקומען שנעלער ווי איך האָב מיר פאַרגע־שטעלט.

„יאָ, איך מיין ניין . . . " האָב איך אנגעהויבען שטאמלען. ווייל דאָ האָב איך ניט נאָר געהאַט צו טאָן מיט א ברוינער באָרד נאָר אויך מיט א נאָז, וואָס וואָלט מיך געקענט ארייַנזופּען מיט איין מאָל . . . מיט איין שמעק.

„אויב עץ זאט ניט פאַרייראַט" האט ער געריבען מיט אלע ציין, „זאָלט איר ניט דערלעבען „רייראַטען" אירערט, פשוט ניט דערלעבען חתונה האָבען . . . וואוּעס קיקט איר מיכון . . . יאָך ביניט מישיגע אוניט חוסער דייע. ס'רעט מיין הארץ רעט . . . מיינע צורים רעדען . . . דום וואוסרעט . . . מיינע גרויסע צורעס רעדען . . .

„ס'קיינער דוניטו?" האָט ער זיך ארומגעקוקט איבער'ן גאנצען קאַבינעט. און ווי עס ווייזט אוים האט די נאז אויסגע־שמעקט, אז אחוץ אונז ביידען איז קיינער ניטא אין צימער.

„ס'טאָקי גיט, קעמענרעדען. ווי איר קיקט מיך אונעט בין יאָך שוין פאר קיין שים אידען ניט געדאַכט צוויי מול געשטאַנען אינטער דער חיפּע. צוויי מול ווי אירזעטמיך א אידן. די ערשטע געווען אָ שלעכטע . . . סאכאפגיגעסען . . . גישטאָרבען . . . פוטער . . . ני, איז געשטאָרבען, ני זיי א מענש . . . איז נאָין— איז נאכאמול . . . די צווייטע . . . א גאנץ שיינע ניקייווע . . א אינגע . . . אברען . . . שווארצע אויגען ווי סמאָלע . . . א פערשייט נעזעל . . . ני, וואָס זאָל יאָך זוגען, כ'האָב די מאָפּולע געכאפּט פאר איר קיק. וואוּעס קען מען זוגען . . . געווען אַ שיינער פאַרשוין . . . אָ סך אינעגר פון מיר . . . איז דאָך גיט . . . טויגעסערשטניט."



ער האט ווידער אויסגעשטרעקט די האנט, ווידער גענומען א סיגארעט. פארצויגען דעם רויך אויף כמעט א גאנצער מינוט און נאכהער ארויסגעבלאָזען פון די נאָז-לעכער אזוי ווי א לאָקאָ-מאטיוו.

„האצי אויסגעפינען אז יאכהאב צוויי טויזענט טולער אין דער באנק. וויל זי הובען דעם באַנק-ביכעל באַ זיך. נו, טרוג דעם באנק ביכעל בא זיך. יאכאָבעם דוקא ניט גיוואלט . . . נאר א שיינע וואבעל איז זי געווען . . . צוויי שווארצע אויגען וואס ברענען, האָט זי געהאַט, ני, טרוג דעם באנק-ביכעל . . . ווען ארטעם ווען? איזי נאָך אלץ ניט ציפרידען . . אוועקשטעלעןביידע נעמען אויפן ביכעל . . נאָר באַידע נעמען אין באַידע נע-מען . . זי האָט מיר גאטראַיבערט די אודערען, האָצימיר . . און יאָך האָב גלאט פיינט אז א פרוי דרייצאך אָרים אין הויז מיט אזוירען פּנים . . ני, גייען מיר אין דיר באנק . . און עפּעס רעצי אזוי שנעל צים באנקירערעל . . מיט אזא גישמאקען ענגליש . . אין מיין ניקאַיווע האָט גירעט א גאנץ פעטען ענגליש, האָצי גירעט . . . אין יאָך קיק ווי א חון אין בני אודום, קיק יאָך אין שוואָג . . .

„וואס וועל יאָך אייך ציהען בא די אודערן . . . מ'האט מיך באָשווינדעלט . . . מ'האָט מיך נעזיג גימאַכט . . . מ'האָט אָוועקגישטעלט איר נומען אַליין אויפן ביכל.”

דאָ האָט ער ארויסגעצויגען א רויטע פאטשיילע, האָט אָפּ-געווישט דעם שוויים פון שטערען און פארבייגייענדיג זיך אָפּ-געשטעלט ארום דער נאָז . . . דאס אוממענשליכע טרומפּייטעריי וואָס איז ארויסגעקומען, האָט מיך דערשיטערט און אויפגע-וואכט.

„נו,” האָב איך א פרעג געטאָן—אום צו זיין גאַסטפריינטליך.

„ני, פרעגטער . . . ני, יעצט האביכניט דעם ביכל מיט די צוואי טויזענט טולער . . . מיט . . . דער ניקאיווע . . . אריין אזוי ווי אין דער ערד אריין . . . פארשווינדען . . . אנטלאפען.”

„הייסט עס, ווילט איר אנקלאגען די באנק?” האב איך אים אונטערגעהאלפען.

„וואוס באנק, ווער באנק” איז ער אנגעפאלען אויף מיר. „וואסאט די באנק ציטין מידעם? וואס יאך וויל וויסען איז ווי אזוי געפינט מען דאס וואביל דום וואס יאך וויל וויסען . . . כ׳אב דאך דיר דערצאיילט” . . דא האט ער גענומען מיין לעצטען סי־גארעט און האט שוין מיך אנגעהויבען „דוקען.” „זי האט געהאט שווארצע אויגען ווי סמאלע אין . . אין . . זי איז געווען זייער א שיינע אידענע . . . וואס איז די באנק שילדיק וואס יאך קען קיין ענגאליש? זי האט מיך באשווינדעלט האצימיך . . . כ׳אב דאך דיר גיזוגט אז זאלסט בעסער ניט דערלעבען צו „ריירטען” זאלסטו ניט . . . בעסער אניכפע איינגעמען איידער חתונה האבען . . וועסט ניט האבען די צוואי טויזענט טאלער און די וועסט ניטאבן די ניקאיווע, וועסטו ניטאבן . . . ”

און אזוי רעדענדיק צו זיך אליין פארלאזט ער מיין קאבינעט פונקט אזוי מיסטעריעז ווי ער איז אריינגעקומען — עס איז שייך צו זאגען — דער מענש האט זיך אראפגערעדט פון האר־צען .

חוצפה

(דער מאַן וואָס פאָדערט רעספעקט — פאַר זיין בויך)

דייוו ברײדי איז א גאנץ אָפטער אריינגייער צו מיר אין אָפיס. ער איז א קליענט מיט שטענדיגע פּראָבלעמען. כשר'ע און ניט אַזעלכע כשר'ע. מיט פראַגען וואָס זיין פליכעוואטער קאָפּ קען ניט פארענטפערען, קומט ער צום לאָיער. צום ביי־שפּיל: איינע פון זיינע לעטצע פּראָבלעמען, וועלכע איך האָב געדארפט לייזען איז: א וואו איז זיכערער צו באהאלטען א באקס געַ'גנב'עטע „ספּארק פּלאַגס," אין קעלער צי אויפן בוידים. עס הייסט, ער אַליין האָט די ספּאַרק פּלאַגס חלילה ניט גע'גנב'עט, נאָר ער האָט זיי אָבגעקויפט פון „אנעסט דזשייק" וועלכער האָט זיי איינגעהאנדעלט ביי א „שאָך", בא זיינעם א באַקאַנ־טען נעגער.

אזוי ווי די ענטפערס וואָס אַן אדוואָקאט גיט א קליענט זיי־נען פּריוועליגירטע — עס הייסט, אז אן אדוואָקאַט איז ניט מחויב און איז אויך ניט געצוואונגען לויטן געזעץ ארויסזאָגען אַלעם פון חדר — וועל איך די פּריוועלעגיע אָפּהיטען און אייך ניט אויסזאָגען וואָס מיין עצה איז געווען אין דעם פאַל.

עס מאכט אָבער ניט אוים מיט וואָס פאר אַ פּראָבלעמען ברײדי קומט צו מיר . . . אָבער ווען ער קומט האַלט ער א שטי־קעל פון א סיגאַר אין דעם רעכטען ווינקעל פון מויל, און ווען ער רעדט אפילו, נעמט ער דאָס שטיקעל סיגארעל פון מויל ניט אַרוים. איך וואונדער זיך שטענדיג אויפ'ן גרויסען „קוניץ" — ווי אזוי א מענש קען רעדען, דעבאַטירען, שרייען,

אויסשפּייען אין שפּיי קעסטעל און ניט פאַרלירען קאָנטראָל איבער דעם סיגארעל — ניט נאָר ניט פאַרלירען קאָנטראָל נאָר אפילו ניט איבערבייטען דעם פלאַץ פון סיגאַר אמווייניגסטענס צום לינקען זייט פון מויל. זעלטען אַז מען זעט אַ רויך אַרויס־קומען פון דעם סיגאַר. אַבער אַשעם פאַלט פונ׳ם ברעקעל סיגאַר גאַנצע בערג . . . און די אַשעם זיינען צוזייט און צושפּרייט אי־בער דער מאַרדע, און ספּעציעל, ווען ער זיצט, איבערן בויך. ווייל אַ בויך האָט ברײדי אַ גרויסען, אַ קיילעכדיגען. און ווען ברײדי גייט — גייט ער דוקא גלייך, נאָר דעם בויך טראָגט ער פאַראויס אזוי ווי אַ פויקער דעם פויק אין אַ פּאַראַד.

ברײדי איז זייער שטאָלץ מיט זיין בויך. ערשטענס, זאָגט ער, אַז זיין בויך האָט אים אָפּגעקאָסט אַ „פּאָרטשון.״ — „איר ווייסט גאָר ניט״ זאָגט ער, „וואָס אין דעם בייכעל ליגט.״ פון ביר איז שוין אָפּגערעדט. ביר איז דאָרט דאַ אַ ים. נאָר הלואי האָב איך דאָס מיט אייך צוזאמען וויפיל קאַטשקעס עס ליגען אין מיין בייכעל . . . ווי קומט אַ טשיקען אָדער אפילו אַן אינ־דיק צו אַ גוטער קאַטשקע? גיט מיר אַ פעט שטיקעל קאַטשקע מיט אַ סך „גרייווי״ און מיט אַ געפילטע העלזעל און איך וועל אייך אָוועקגעבען איך ווייס ניט וואָס.

„נאָר דאָס בייכעל מיינס איז אַ גוטער אינוועסטמענט״ גיט ער צו מיט אַ צופרידען שמייכעלע. „מענשען האָבען רעספּעקט פאַר אַ שיינעם קיילעכדיגען בויך. קום איך אין שול בין איך אַ גאַנץ פיינער בעל הבית. ווייל דאָרטען וואו איך דאַווען זיינען עפּעס אויסגעדאַרטע, אויסגעקוואַרטע אידען . . . איז מיין בויך טאַקי אַ שיינדעל דאָרט . . . עפּעס יעדער איינער טרעט מיר אָפּ זיין אָרט. זעצט זיך רב דוד, זאָגט מען מיר . . . איר ווייסט אַז דער בויך מיינער האָט שוין מיך צוויי מאָל עלעקטעד פאַר

פרעזידענט אין מיין פאראיין . . . אידען גיבען אפ כבוד א גרויסען בויך . . . און אפילו להבדיל אין פאלים סטיישאן אז מען הויבט מיר אן שטעלען פראגען ווענען עפעס א פארדעכ־טיגט געשעפטעל — גיב איך א שטעל ארוים מיין בויך — אט אזוי־א — און עפעס ווערט דער חברה פריקרע — עס קומט אוים בא זיי — וואס הייסט — א מענש מיט אזא בכבוד׳יגען בייכעל וועט טאן אזא זאך — — און מען הייסט מיר גיין״.

דער בויך איז בריידי׳ס שטאלץ, בריידים קרוין פון קאפ. נאר אזוי ווי צו יעדען שטאלץ און אפילו צו א קרוין קומט א סוף, אזוי איז הפנים אויך געווען אנגעהתם׳עט אויף בריידי׳ס בויך. נאר לאמיך אייך איבערגעבען די געשיכטע מיט בריידי׳ס איי־גענע ווערטער — פונקט ווי ער האט עס מיר דערציילט.

א טרויעריגער זיצט ער אויף דער וויכער סאפע אין מיין קאבינעט. דאס שטיקעל סיגאר שטעקט אין רעכטען ווינקעל פון מויל. נאר וואס זאג איך שטעקט . . . עס הענגט ארוים פון צווישען די צוויי ליפען־ווינקלען עפעס ווי אן האלאוועשקע, עפעס ווי א נפש׳ל וואס גוססט.

בריידי׳ס אויגען זיינען אויך האלב אויסגעלאשען, טרויעריג און אנגעשפיצט אין דער פוסטער וויטקייט אריין . . .

איך קען שווערען, אז אפילו א פעטע קאטשקע, זיין ליבלינג מאכל, וואלט ער איצט אויך ניט באמערקט. עס זעט מיר אוים, אז זיין בויך איז איצט אויך איינגעשרומפען, אראפ פון דער אמאליגער גדולה, ווי אן אבגעקומענער גביר באם רבין צו די שריים . . .

און אט אין אזא פאזע פאנגט ער אן:

„איך וויל א גט פון מיין ווייב אויפן גרונט פון חוצפה.״

אויפן גרונט פון וואס?״ האב איך איבערגעפרעגט. איך האב

דוקא געהערט דאָס וואָרט „חוצפה" נאָר מיין לאַיערשער מוח האָט עפּעס ניט געאַרבעט ווי געהעריג.

„חוצפה," האָט ער אויסגעברומט אזוי ווי א וואָלף נאָך א פארלוירענער שלאַכט מיט א שטאַרקער חיה.

— „מר. ברײדי," האָב איך אים ערקלערט, „אין דעם שטאָט קענט איר קריגען א גט פון אייער ווייב פאר שכרות . . . פאר אומטרייהייט . . . פאר . . . אָבער חוצפה? . . . "

— „נו, און איך וויל דוקא א גט פאר חוצפה." האָט ער אזא געשריי געטאָן אַז זיין גאנצער בויך האָט א ציטער געטאָן ווי אין א קאָנוואולסיע. „איר הערט — נאָר פאר חוצפה, און „דאַטסאָל."

דאָס קאָנוואולסירען פון זיין בויך האָט מיך עפּעס ווי געמאכט אָפּהענטיג. איך האָב געקראָגען א געוויסען רעספּעקט פארן בויך ציטערניש, און איך בין אנטשוויגען געוואָרען. ברײדי האָט אָבער ניט געשוויגען . . . ער האָט אפילו טרענספּערירט זיין סיגאַר פון דער רעכטער זייט אויף דער לינקער און ער האָט פאָרטגעזעצט מיט צאָרן:

— „איך זאָג אייך אַז עס איז אַ חוצפה. ווען איך וועל אייך דאָס דערציילען אין גאנצען — און ווען איך דערצייל עס אפילו פאר צען דזשאַדזשעס, גיבען זיי מיר צען גטן אויפן גרונט פון חוצפה.

„צען יאָר אַז איך בין פאַרהיירעט צו איר, צו מיין ווייבעל. צען יאָר אַז איך גיב איר פון דאָס שענסטע און דאָס בעסטע. דו ווילסט קאַטשקע נאַדיר קאַטשקע. דו ווילסט גיין צו א שאָו. נאַדיר געלט אויף א שאָו. דו ווילסט דזשולערי, נאַדיר דזשולע־רי . . . דו ווילסט א קרענק, נאַדיר א קרענק . . . איך האָב דאָך איר געגעבען דאָס טעלערער פון הימעל, האָב איך דאָך איר גע־

געבען. אַפּגעפּיקסט אַן אַפּאַרטמענט מיט דריי רומס, מיט אַ סטאָל שאָוער מיט אַלע קריינק. איר הערט, איך האָב אפילו געהאַט אַ מוירפי בעט אין מיין אַפּאַרטמענט, אַז שכנים זיינען געקומען קוקען אויפן וואונדער. איך רעד שוין ניט פונ׳ם ספּרינג מיטן מאַטראַץ, דאָס איז דאָך אַזוינס און אַזעלכעס. אַז מען לייגט זאַך אַריין — פאַלט מען אַריין אין אים.

„היינט האָט איר געדאַרפט זען ווי איך האָב באַצירט די היל־צערנע באַפּוצונג פון דעם בעט. איר ווייסט דאָך, אַז די מוירפי בעטען גייען אַריין אין די ווענט — נו, וועל איך עפּעס לאָזען אַ שטיק האַלץ זאָל מיר אַרויסקוקען פון דער וואַנט? האָב איך געקראַגען אַ פּריינט מיינעם, וואָס איז אַ פּיינטער בא טרייד, וואָס גלייכט מאָלען פּיקטשעס און זאָג אים: גוטער ברודער, מאָל מיר אוים עפּעס אַזעלכעס אויף דעם פּימסען האַלץ וואָס זאָל זיין אַזוינס און אַזעלכעס. זאָגט ער מיר, דוד, אַזוי ווי דו גלייכסט קאַטשקעס, וועל איך דיר אויסמאָלען אַ דריי, פיר קאַטשקעס אויף דער געהילץ, אַז די שליונע וועט דיר רינען פון מויל. זאָגט מיינע, אַז זי וויל ניט קיין קאַטשקעס, נאָר פּאַוועס, וויל זי. ווייל פּאַוועס האָבען שיינע פעדערען. נו, דו ווילסט פּאַ־וועס, זאָל זיין פּאַוועס. איך וואָלט אייך אַוועקגעגעבען צען פּאַוועס פאַר איין קאַטשקע. נאָר ווען אַ ווייב וויל פּאַוועס זאָל זיין פּאַוועס. איך זאָג דאָך אייך, אַז איך האָב איר נאָכגעגעבען דאָס שטריקעל.

„אַנדערע מענער צווינגען זייערע ווייבער, אַז זיי זאָלען קומען אַרויסהעלפען אין זייערע סטאָרס. איך, פאַרקערט, שלאָף דאַרלינג נאָך אַ שטונדע. שלאָף ביז צען, ביז עלף — וועמען אַרט עס? ווייל אַ מענש אַז ער איז אויסגערוט איז ער געזונטער, און ווי זאָגט איר, אויך פעטער. איך האָב פיינט אַ פרוי וואָס

איז הויט אוןביינער. מיין כלל איז, אַז אַ פרוי דאַרף זיין ווי אַ קאַטשקע. פעט, רונדיג, בוזימדיג און בייכיג. נו, אַליין בין איך דאָך פארשקלאַפט אין געשעפט אַ גאַנצען טאָג, נאָר נעכטען האָב איך עפּעס ניט פאַר אייך געדאַכט ניט געפילט מיט אַלע־מען. אַרום עלף אַזייגער אין דער פרי האָב איך געמיינט אַז איך עק זאַך. הפּנים אַז די קאַטשקע וואָס איך האָב געגעסען די פריערדיגע נאַכט איז אויך עפּעס ניט געווען מיט אַלעמען און זי האָט מיר געגעבען צו זינגען און צו זאָגען.

„זאָג איך צו זיך, דוד, דו גייסט אהיים, אַז ניט וועט מען דיך חלילה ארויסטראָגען פון דאַנען.

„איך קום אהיים, שלים אויף די טיר. מיין ווייבעל איז נאָך אַנגעטאָן אין איר „מאָרנינג רעפּער", נאָר מיין דאָרעלע איז מיר עפּעס נערוועז, עפּעס עקסייטעד.

„וואָס עפּעס פּלוצלונג אין דער היים?" פרעגט זי מיך און איך זע ווי זי וואַרפט עפּעס די אויגען אין פראָנט רום אַריין.

איך גיי אין פראָנט רום, און זי נאָך מיר. איך האָב זיך גע־וואָלט צולעגען אין מוירפי בעט אויף אַ ווײַלע. איך באַמערק עפּעס, אַז מיין מוירפעלע, ס'הייסט מיין בעטעל, איז אויך ניט מיט אַלעמען. זי איז עפּעס ניט אַריינגעשפּאַרט אין וואַנט ווי עס דאַרף צו זיין.

„איך גיב אַן עפען מיין בעט און ס'איז מיר פינסטער געוואָ־רען אין די אויגען. ליגט זאַך מיר „אַנעסט דזשייק" אזוי ווי די מאַמע האָט אים געהאַט — צושפּרייט אזוי ווי באָם טאַטען אין ווייַנגאָרטען.

„וואָס איז דאָס?" האָב איך אויסגעשריען ווי ניט ווי מיט מיין קול. „וואָס טוט ער דאָ?"

„ער ווארט אויף א סטריט קאר״ חכמה׳ט זי זאך נאך מיט מיר.

„ער ווארט אויף וואס?״ האב איך זי איבערגעפרעגט און באלד חרטה געהאט. — — איך ווייס ניט וואס מיט מיר האט פא־סירט דאן . . . איך האב זאך א ווארף געטאן אויף אים מיט אלע מיינע כוחות . . . איך האב אים געוואלט צורייסען ווי א הערינג . . . און ער מיט זיינע געזונטע פיס גלייך מיר אין בויך אריין . . . און נאך אמאל אין בויך און נאך אמאל . . . איך בין אוועקגעפאלען אזוי ווי א סנאפ אויפן קארפעט. איך האב גע־סאפעט ווי א גאנז.

„און וואס מיינט איר טוט מיינע? זי שטייט און האלט זאך בא די זייטען לאכענדיג. פליין און פשוט זי קייכט פון געלעכ־טער. „ער איז דיר גוט אריינגעפארען אין בייכעל אריין, הא? וועסט נעקסטען מאל ניט קריכען דארט וואו מען דארף ניט.״ רעדט זי צו מיר אזוי ווי אויף צו להכעים. גיב נאר א קוק אויפן בויך, אויפן פופיק אויף זיינעם.״ „דזשייק,״ מאכט זי, „דו האסט שוין אמאל געזען אזא בויך בא א מענשען? ער וואלט דאך געקענט קריגען א דזשאב אויף אן אויסשטעלונג. אויך מיר א מאן . . . ס׳איז דען א מאן? . . . ס׳איז דאך א שוועגעריקע פרוי . . . גאט זאל מיך ניט שטראפען פאר די רייד . . . אפגע־לעבט צען יאר מיט א שוועגעריקער פרוי . . . דאס איז א מאן!״ מאכט זי אויף דזשייק׳ן, „זעסט א פאר אקסלען? — זעהסט „מאסלס״ — באטאפט זי זיינע ארעמס. „זעהסט — בא אים איז אפילו ניטא קיין סימן פון א בויך — דורכאויס מאסעלס.״

„דו קענסט זאך אריינלייגען אין קימפעט אין דיין מוירפי בעט מיט דיין בייכעל . . . איך גיי מיט דזשייק׳ן.״

אהרן ראזענבערג

„וואָס זאָל איך אייך זאָגען” האָט דייוו באַטראַכט זיין באַ־לײדיגטען בויך. „זיי האָבען זאך ביידע אָנגעטאָן און זיינען אַוועק . . . אַוועק איז אַוועק . . . איך ווער אָבער פאַרברענט . . . עס באַקט מיך . . . עס בראָט מיך . . . דו ווילסט דזשייק׳ן זאָל זיין דזשייק׳ן, נאָר נעמען א מענשען און אזוי באַליידיגען. מיין בויך געפעלט איר ניט . . . איר הערט, מיין בויך שטייט איר ניט אָן . . . עס איז דאָך איינע פון די גרעסטע חוצפות . . . דערציילט ער מיר א מעשה מיט אומטרייהייט . . . מיט . . . מיט . . . איך וויל א גוט אויפן גרונט פון חוצפה וויל איך . . . דאָס וואָס איך וויל . . . איר הערט.”

שידוכים און מאַרגיידזשעס

(ווען מחותנים קומען צום לאָיער זיך אפשרייבען)

זעקסען זיינען זיי אריין געקומען. איין פּאָרל מיט א מיידעל, די צווייטע פּאָרל מיט א יונגען מאַן. די מוטער פון דער מיידעל, א פרוי מיט דינע בלויע ליפּעלאך, וואָס באַוועגען זיך אפילו ווען זיי רעדען ניט — האָט גלייך גענומען דאס וואָרט:

„זעצט זיך, זעצט זיך," האט זי א קאַמאַנדעווע געטאַן צו די פינף, „בא דעם לאָיער זיינען מיר אזוי ווי בא אַן אייגענעם מענשען. ס'איז א טייערער מענש, רעדט אידיש ווי א וואסער, און . . . . "

ווי עס ווייזט אויס האָט זי נאך עפּעס געוואָלט זאָגען, נאר דאַ זיינען אירעביידע אויגען געפאלען אויף איר מאַן. די שוואַרץ־אַפּלען פון אירע אויגען האבען זיך צעגאסען אזוי אז עס איז כמעט קיין סימן ניט געבליבען פון די ווייסלען, און די אויבערשטע ליפּ האָט אנגעהויבען ציטערען:

„וואס שטייסטו וואס, קאָרג טשערם זיינען דאַ פון דיינעט וועגען. מיין גרויסער אומגליק! — אז אומעטום פארשעמט ער מיר מיין פּנים — זעט נאָר, א דערוואַקסענער מענש, א טאַטע פון א טאָכטער וואס שטייט אין שידוכים, גאָט צו דאַנקען, און ער שטייט אזוי ווי א נאר אויף א חתונה. זעץ זיך שוין אוועק, דו וועסט נאָך אַנשלאָפען ווערען שטייענדיג."

„דער גרויסער אומגליק," דער מאַן אירער האָט זיך גלייך אַוועקגעזעצט, אזוי ווי זי וואָלט אים א צי געטאָן מיט א באַ־האַלטענעם דראַט. ניט קוקענדיג אויף קיינעם האָט ער זיך

גליך פארנומען מיט דער פאונטען פען, וואס איז געליגען אויף מיין שרייב טיש.

„מן הסתם פארשטייט איר דאך שוין, מיסטער לאיער, אז מיר זיינען געקומען צו אייך צוליב א ביזנעסעל, נו, א לאיער איז פּאַרט א לאַיער, האָט א קאָפּ אויף ריסאָרען. ס'איז דען מיין מאן?" האָט זי ווידער א ווארף געטאן א ביטערען בליק אויף איר אומגליק.

„וואס שפּילסטו זיך מיטן לאיערס „פאנקען פען?" האט זי זיך צעשריען ווי ניט מיט איר קול, „וואס טשעפּעסטו זיך צו א זאך וואס דו קענסט ניט יוזען?—לייג אוועק די „פאנקען פען," לייג אַוועק. דו וועסט זי נאָך צעברעכען, וועסטו זי נאָך!"

„מיינט איר דאך מיסטער לאיער, אז סי קען שרייבען? זאל מיין נאָמען ניט זיין סיליע ווי ער קען שרייבען. מען רופט מיך סיליע, רופט מען מיך. איך בין א נאָמען נאָך מיין מוטער'ס מו־טער. שיינדעל האָט זי געהייסען, געווען א אידענע א צדקת. דאָ אין אמעריקע איז פון שיינדעל געוואָרען סיליע. ווי זאָגט איר. איז שיינדעל ניט אסך שענער פון סיליע. נאר די קינדער שריי־ען „סיליע" זאָל זיין סיליע. מיין באבע, מאלט אייך, וואלט זיך דריי מאל איבערגעקערט אין איר קבר ווען זי ווייסט, וואס איז געווארען פון איר נאמען דאָ אין אמעריקע."

דאָ האָט זי ארויסגענומען א נאָז־טיכעל און האָט מיט א שפּיץ באַרירט די ווינקלען פון אירע אויגען און מיט א זיפץ וועלכער איז אויסגעקומען פון דער טיפעניש פון איר בויך, האָט זי זיך ווייטער גענומען צו איר מאַן:

„איך האָב זיך בא אים געבעטען ווי בא א גזלן. יאנקעל, גיי אין נאַיט סקול גיי, לערן זיך אַן ענגליש וואָרט. קריג ארויס דיינע „סיוויליזיישאָן פּייפּערס," קריג ארויס. זאָל מען זיי אזוי

ניט דאַרפֿען ווי זיי קומען אמאָל צונויף. ניין און ניין. ער וועט ניט גיין . . . און דאס איז אַן עקשן א איד. אז ניין איז ניין. און ס'איז טאקע ניט געגאנגען. און אז סי קומט אין לאיערס אַפּיס שפּילט זיך דאס מיט „פאנקען פענס" שפּילט זיך דאס."

„איר קוקט מיך אָן," האָט זי זיך שוין געווענדעט צו מיר די־רעקט. הפנים אַז זי האָט באַמערקט, אז איך ווער אומגעדולדיג.

„דער מאן מיינער . . . נאר לאמיך גאט ניט שטראפען פאר די רייד . . . לאָמיר צוגיין צו עפּעס וויכטיגעס, ווי איר זאָגט ביזנעס . . . מיין טאָכטער, גווען איז איר נאָמען . . . זאָג העל־לאָ צום לאיער, גווען דיער . . . דער פולער נאמען אירער איז גווענדאלין. זי איז א נאמען נאך מיין פאטערס מוטער, עליה השלום, געגענדעל האט זי געהייסען. א קלוגע אידענע געווען. דעם נאראדיטשערס רב'ס אן אייניקעל. איר זעט מיין משפּחה?"

דאָ האָט זי געוואָרפען דאָס רעכטע אויג אויף דער זייט וואו דאס שווייגענדע פּארל מיט'ן יונגען מאן זיינען געזעסען.

„לויטער גאלד מיט זילבער, פּערל איז עס. נו, איז מיין גוועז האָט זיך אביסעלע פארכליאָפּעט אין זייער באַי, סימאָר . . . זעט נאר ווי ער איז געווארען רויט, זעט נאר ווי עס שעמט זיך דאָס אַביסעל." האָט זי אנגעהויבען שיסען אויף דעם יונגען מאן. „ס'איז נאר בא אייך אין אפיס שעמט זיך דאס. אויף די סטעז און ארום די לעטער באקסעס שעמט זיך דאָס דוקא גאָר ניט. דאָרטען איז דאָס א גאנצער ליובאָווניק, איז דאָס. דאָרטען איז עס קוצעניו—מוצעניו—אזוי ווי אין די ראמאנען שטייט. איך זאָג אייך מיסטער לאָיער, אַז היינט איז א וועלט מיט וועל־טעלאך. מיין יאַנקעל, זאל מיר לעבען ביז הונדערט מיט צוואנ־ציג יאָר, האָט מיר אפילו קיין רעכטען קוש ניט געגעבען ביז

נאָך דער חופּה, אַיאַ יאַנקעל?"

„אז ניט גוט זאל דארטען ווערען מיינע שונאים. לייג אוועק די פֿעס יאנקעל, לייג אוועק. עס שלאגט מיר אמלאש צום חלש'ען." „דזשייק, פּודים אוויי די פאנקען פֿען." — האָט זי זיך א נעם געטאן צו אים אויף ענגליש.

און ווי עס ווייזט אוים האט יאנקעל געהאט מער רעספּעקט פאר דער ענגלישער שפּראך. מיט דער גאנצער קראפט פון זיינע מעכטיגע מוסקולען האָט ער א שליידער געטאָן די פֿען מיט אַזאַ כעם דאָס דער גאַנצער שרייב טיש מיט אלע פּאַפּירען, וועלכע זיינען געלעגען אויף אים, זיינען באשפּריצט געוואָרען מיט בלויען טינט.

„נו, איז וואָס זשע קען איך פאר אייך טאָן?" האָב איך אַרוים געשריגען, קאנטראלירענדיג זיך, ווען איך האב דערזען די טינט פלעקען אויף די לעגאלע דאקומענטען.

„א גראבער יונג איז א גראבער יונג," האָט זי מכבד געווען איר יאַנקלען. „וואָס וואַרפסטו זיך? וואָס קידעסטו זיך, וואָס? וואָס מיינסטו ביזט אין דער היים, ביזסטו?"

יאנקעל איז געבליבען זיצען אפהענטיג. זיין מאסיווער קערפּער האָט אזוי ווי אנגעהויבען איינשרומפּען אין זיך. זיינע אויגען האבען געקוקט אין אירע מיט אזא שולדיגען אויסדרוק ווי א מאָפּס קוקט אויף זיין בעל הבית ווען ער באגייט א הונטישען פארברעכען.

„יע," האָט זי ווייטער פארטגעזעצט אזוי ווי עס וואלט גאר ניט פארגעקומען. „מיין גווען מיט סימאָרען גייען „ענגיידשזעוועט" ווערען. ס'הייסט, ווערען חתן־כלה. האב איך געזאגט צו די מחותנים. מיינע פריינט. האב איך צו זיי געזאגט . . . אט זיינען זיי דא־זאלען זיי דאס אפּלייקענען, זאלען זיי דאס

. . . מיינע דיר מחותנים, האב איך צו זיי געזאגט. קינדער זיינען קינדער, מען מוז עפּעס טאָן פון זייערט וועגען. סימאַרעל איז טאקע א שיינער „באיטשיקעל,‟ נאר חוץ קושען זיך און האליובען זיך טויג ער קיין קאץ אן עק ניט צו פארבינדען. עס איז דאך אבער פארט קינדער . . אונזערע קינדער . . . וואס נאך האבען מיר אויף דער וועלט אחוץ קינדער? . . . און ווער איז נאך אזוי נאהענט צו עלטערען ווי קינדער . . . ?‟

איר קינדער פילאזאפיע האט זי אזוי גערירט דאס זי האט ווידער ארויסגענומען איר נאז טיכעל און ווידער א מאל באריִרט די אויגען. זי האט א שלעפּ געטאן מיט דער נאז אין זיך און ווייטער פארטגעזעצט.

„ווי זאגט איר מיסטער לאיער, קינדער מוז מען באווארענען, הא? עלטערען מוזען שטעלען זייערע קינדער אויף די פיס, מוזען זיי שטעלען. איז אזוי ווי איר קוקט אן מיין שלים מזל,‟ האָט זי אנגעוויזען מיטן גראבען פינגער אויף איר מאן וועלכער איז געזעסען אָן דער פען אזוי ווי א מלמד אָן א קנעלונג און האט געפּינטעלט אומשולדיג מיט די אויגען. „אזוי ווי איר קוקט אים אן האָט ער אָפּגעשפּאָרט א הייזקע, האָט ער. ס׳איז, ווי זאָגט איר, טאַקי ניט קיין פּאַלאַץ אָבער פּאָרט א פּלאַץ א וואו אנצושפּאַרען דעם קאָפּ. מיינע דיר מחותנים האָבען צוויי לאַטס. ווילען מיר איבערשרייבען די דאזיגע „פּראפּעטקעס‟ אויף די קינדערס נעמען. און אז גאט וועט העלפען און זיי וועלען מיר׳ צעשעם חתונה האבען וועלען זיי האבען א דאך איבער׳ן קאָפּ. און מיט לאַטס ווייסט איר דאָך וואָס מען טוט. מען בויט זיך אויס א פרוכט סטענדעל און מע מאכט א לעבען, מאכט מען . . . נו, ווילען מיר אַז איר זאָלט אויסמאַכען די פּאַפּירען, ווילען מיר . . . נאָר עס זאָל זיין דאָרט אָנגעשריבען, זאָל זיין, אַז זיי

מוזען גלייך חתונה האבען . . . ס׳הייסט ניט שפעטער ווי אין א מאנאט פון היינט.״

„איר ווייסט דאך, לאַיער,״ דא איז זי שוין געווארען גאנץ אינטים מיט מיר און האָט שוין ארויסגעלאָזט דעם „מיסטער.״ „היינטיגע קינדער״ . . . איך דאַרף אייך קיין פינגער אין מויל ניט ארײַנלייגען . . מע קושט זיך . . מע האלויבעט זיך . . יונגע בלוט . . . וויל איך וואָס שנעלער . . . חתונה געהאט, אראָפּ פון מאַרק, און גייט אייך געזונטערהייט . . . נישט ריכטיג?

„האָט איר עפּעס פּאַפּירען וואָס צייגען די „דעסקריפּשאָן״ פון אייער הויז און פון די לאטס?״ האב איך זיך געווענדעט צוביידע פארלאך מיט אמאל.

„איך האָב געבראכט דעם „מאגעדשז״ מיט מיר פון די לאטס״ האָט זיך אנגערופען מיט א באַסוועער שטימע, סימאר׳ס פאטער.

„וואָס האָט ער געבראַכט?״ איז סיליע, מיין קליענטן, אויפגעשפרונגען אזוי ווי א שלאנג וואלט איר א ביס געטאן. „איר פרעגט אים, מיסטער לאַיער, וואָס האָט ער געבראכט?״

„דעם „מאגעדשז״ האב איך געבראכט,״ האָט זיך סימאר׳ס פאטער געהאלטען בא זיינם. „איך קום בסך הכול א טויזענט טולער אויף די לאָטס — ס׳הייסט אויף ביידע לאטס.״

„צום גלח׳ס קאָפּ, צום גלח׳ס הענט און פיס. איר האט געהערט א מעשה? א „מאגעדשז״ האָט ער מיר געבראכט . . טויזענט טולער קום איך בסך הכול,״ האט זי נאכגעקרימט סימאר׳ס פאטער „גאט מיינער וואס פאר א מענשען געפינען זיך דאס אויף דער וועלט, ניט אומזיסט מוטשעט היטלער די גאליציאנער אידען . . . איך האב אייך פארגעסען זאגען, מיסטער לאַיער, דאס מיינע געוועזענע מחותנים זיינען גאליציאנער.״ האָט זי צוגעגעבען שטעכעדיג.

„מיין הויז איז „פרי און קלין" אזוי ווי א „וויסעל." ס'איז דאך קיין פלעקעלע אויף איר ניטא. דערלאנגט ער מיר צוויי לאטס מיט א „מאגעדש," דערלאנגט ער מיר . . . און ער וויל אז איך זאל דאס ארונטערשלינגען וויל ער . . . נישט בא מאטיען . . . צאַריט טאָכטער, קום, מ'עט דיך חלילה אין אַ דייזשע באָרשט ניט אַריינלייגען. ס'צאַך באַגיין אָן סימאָר'ן גנב . . . קום יאנקעל . . . . ווי געפעלט דאס . . . . „מאגעדשזעם" וועט ער מיר געבען . . . "

די זעקס זיינען ארוים און מיך איבערגעלאזט מיט א צעבראָ־כענער פען און מיט בלויע טינט פלעקען אויף מיינע וויכטיגע פאפירען.

„סאַליספּעקשאָן״

(דער „גערדיכטער״ פּראַצענטניק מיט דער שיטערער באָרד . . .)

ווי אזוי עס קומט צו אים דער נאמען לייאָנעל ווייס איך ניט. ווי אזוי א איד מיט אזא לאנגער, גרויסער באָרד האט געקענט „פּאָפּאַדיען״ אויף אַזאַ נאָמען ווי לייאָנעל דענים, פארשטיי איך ניט. דאָס איז איינע פון יענע רעטענישען וואָס מוזען פארבלייבען א . . . רעטעניש.

איך מיין ניט די באָרד זיינע . . . איך רעד דאָ פון זיין נאמען. ווייל זיין באָרד קען בשום אופן ניט פארבלייבען א רעטעניש. די ערשטע זאַך וואָס וואַרפט זיך אייך אין די אויגען איז לייאנעלס באָרד. א באָרד, דאכט זיך א גאנץ שיטערע . . . מען קען איבערציילען די האָר אויף די פינגער . . . עס איז אפילו א שבועה לבטלה זיך צו שווערען בא אזא באָרד — נאָר פונדעסטוועגען איז עס איינע פון די כאראקטעריסטישסטע שטריכען אויף לייאָנעל דענים'עס פנים. אירע צוויי טיילען, טראָץ דער באָרד'ס שיטערקייט, זיינען אזוי באשטימט און פעסטגעזעצט, ווי צוויי באזונדערע פאָרהאַנגען, אויף איין פענסטער. און ווען ער רעדט צו אייך פלעכטען זיינע פינגער ריטמיש אין ביידע אבטיילונגען פון אָט דער מערקווירדיגער באָרד און וועבען פון איר אוים פארשיידענע קוריאזע געוועבען און גראטעסקע פיגורען.

אויגען האָט ער מידע, קורציכטיגע, אַז אפילו די דיקע אויגענגלעזער וואָס ער טראָגט, העלפען אים ווייניג בעסער צו זען.

צו וואָס אָט דער מענש, טראָגט ברילען, האָב איך קיין מאָל

ניט געקענט פארשטיין. ווארום ווען ס'איז געקומען צום אונ־טערשרייבען זיך האָט ער זיי ארונטערגענומען אָדער ער האָט זיי ארויפגערוקט הויך אויפן שטערען און האָט אוועקגעלייגט זיין נאָז אויפן פּאַפּיר. ער האָט גיכער דערשמעקט ווי דערזען דעם פּלאַץ צום שרייבען.

מיינע געשפּרעכען מיט אים זיינען געפירט געווארען אויף אידיש ווייל זיין ענגליש איז זייער א שוואַכער — מען קען זאגען א גאנץ קראנקער. פילע מאל האב איך געמוזט פארשטיקען מיין געלעכטער ווען פון אן „אינדזשאַנקשאָן" איז בא אים געווארען א „דשזאדשזמענט" און פון אן עדות א „וויט־נער" און ווען א „מאלטי-מיליאנער" איז פארוואנדעלט גע־ווארען אין א „מאַלטעד מיליאנער."

נאר די שפּראך האט אים ניט איבערגעשראקען, און האט אים ניט אפּגעהאלטען פון גיין און געריכט. פאר א קליינינקייט וואס וואלט געקענט געשליכטעט ווערען אין א לאיערס קאבי־נעט אין משך פון צען מינוט איז ער געווען קאפּאבעל צו פּטר'ען א טאג אין געריכט, ווייל ער האט געוואלט קריגען „סאלים־פּעקשאן" — באפרידיגונג.

עס זיינען דא מענשען וואס קענען ניט ליידען ווען מען קריצט מיט אן אייזען איבער א בלעך אדער אן אנדער מעטאל. זייערע ציין ווערען בא זיי איילינ — עס גייט זיי דורך א סקרוך איבערן לייב — און זיי אנטלויפען פון דעם רעפּולסיווען קלאַנג. דעם זעלבען איינדרוק מאכט דאָס וואָרט „סאליספּעקשאָן" אויף דעם דורכשניטליכען עטישען אידישען לאיער. — „איר מיינט איך וויל דען דאס געלט — איך וויל האבען „סאליספּעקשאן." נעמט איר די געלט." — דאס איז א סיגנאל צום לאַיער אז דער קליענט וויל ניט נאר האבען דאס געלט וואס קומט אים. עס

הייסט אויב עס קומט אים עפּעס געלט, נאר אפילו געלט וואס עס קומט אים ניט. און דאָס מיינט אויך אַז אויב איר וועט אים ארויסהעלפען דורך דעם געריכט וועט איר האָבען זייער א שווערע אויפגאבע איינצומאנען בא דעם סארט קליענט די פּאַר דאלער וואָס ער קומט אייך פאר אייער ארבעט.

— און לייאָנעל דענים האָט שטענדיג געדורשט נאָך „סאלים־פעקשאן." ער וואלט אייך אוועק געגעבען זיין עולם הבא פאר א שטיקעל „סאליספעקשאן."

מען האָט שטענדיג געמוזט באנוצען אן איבערזעצער ווען ער האָט עדות געזאָגט — אָבער לייאָנעל האָט זיך אינגאנצען ניט פארלאָזען אויפן איבערזעצער און ניט אפילו אויף דעם לאיער.

איך וויל דאָ איבערגעבען אַ טיפּישע געריכט׳ס סצענע, וואו לייאָנעל דענים האָט געקלאָגט זיינעם אַ קאָזען פאר פינף הונ־דערט דאָלער; וואָס ער האָט געטענה׳ט, אז ער האט אים גע־ליהען מיט עטלאכע יאָר צוריק. דעם קאָזינ׳ס פארטיידיגונג איז געווען, אז ער האָט טאָקי די פינף הונדערט דאלער געבארגט בא לייאָנעל׳ן, נאָר וואָס דען: ער האָט אָפּגעצאָלט דאָס געלט נאָך מיט אַ געשמאַקען פּראָצענט. אָבער ווען ער האָט אָפּגע־צאָלט דעם חוב האָט ער בא אים געפאָדערט צוריק דאָס וועק־סעל און ער האָט אים צוגעזאָגט דאס אזוי שנעל ווי ער וועט דעם וועקסעל געפינען וועט ער עס אים צוריקגעבען זייענדיג קרובים האט ער אים געגלויבט אופן ווארט — און יעצט קלאגט אים לייאנעל דענים ווידער פאר די געלט וועלכע ער האט שוין לאנג אפגעצאלט.

אָט זיינען עטלעכע מוסטערען פון די פראַגען און ענטפערס, וואָס זיינען אויסגטוישט געוואָרען צווישען ריכטער, איבערזע־

צער, דעם קלעגער און אנגעקלאָגטען און מיין ווייניגקייט, דעם לאָיער:

די ערשטע פארמעלע פראגע וואס איך האב אים געשטעלט נאכדעם ווי ער האָט אנגעגעבען זיין נאָמען און אדרעס צום סטענאָגראַפיסט, איז געווען:

„מר. דענים האט איר געליהען אייער קאזין מר. שווארץ פינף הונדערט דאלער?"

ער האָט אפילו ניט געווארט אויפן איבערזעצערס אינטערפרע־טאציע און איז אנגעפאלען אויף מיר:

„וויפיל מאָל האָב איך שוין אייך דערציילט די געשיכטע אין אפים? וואס פאר א פראגעס שטעלט איר מיר? בעסער פרעגט די פראגעס מיין קאזין דעם גנב. וועמעס לאָיער זייט איר, מיינער אָדער זיינער?

„מר. דענים איר מוזט ענטפערען אויף די פראגען" האב איך אים געראטהען און ווייטער געשטעלט א פראגע אין אן אנדער פארמע:

פראגע: „האט אייער קאזין געבארגט בא אייך פינף הונדערט דאלער?"

ענטפער: (ברוגיזדיג און סארקאסטיש) „ניין, ער האט ניט גע־באָרגט — וואָס הייסט ער האָט ניט געבאָרגט — ווער דען וועט בארגען ווען ניט אזא פייקער?"

איבערזעצער: „נאָ, הי דיד נאט בארואו — וואט דו יו מין הי באָראָוד מאָני, — סאָטש עי פייקער."

פון דער איבערזעצונג קען מען זען אז דער איבערזעצער איז געווען אזוי שוואך אויף אידיש ווי לייאנעל דענים איז גע־ווען אויף ענגליש. ער האָט זייער ווייניג פארשטאַנען די אי־דישע אידיאָמען און די אידישע צו להכעים'דיגע אויסדריקען.

ווידער פרעג איך: „וואָס האָט אייער קאָזין געטאָן?"

ענטפער: „ער האָט געפּלאָכטען ציצות דער שווינדלער—וואָס הייסט, וואָס האָט מיין קאָזין געטאָן — וואָס פאַר א פראַגעס שטעלט ער מיר דאָ?"

איבערזעצער: „הי וואז קראָשייאינג ציצות די פּיקער—וואַט דו יו מין וואט מיי קאזין דיד?"

פראגע: „וואס האט ער אייך געגעבען פאר אייער געלט?"

ענטפער: „א גרויסע פייג האָט ער מיר געגעבען, דער באַנ־דיט."

איבערזעצער: „עי ביג פיג הי געיוו מי, די בענדיט."

פראגע: „האט ער אייך געגעבען א וועקסעל?"

ענטפער: (סארקאסטיש) „ניין, ער האט מיר ניט געגעבען — איך וועל זיך פארלאָזען אויף זיין ערליכקייט?

איבערזעצער: „נאָ, הי דיד נאָט גיוו מי. אייל דיפּענד אָפּאָן היז האנעסטי."

פראגע: „איז דאס דער וועקסעל וואס מר. שווארץ האט אייך געגעבען?"

ענטפער: „גאט זאל אים געבען א נייע נשמה, זאל אים גאט געבען."

איבערזעצער: „מעי גאָד גיוו הים איי ניו סאול."

דאָ מישט זיך אריין דער ריכטער און פרעגט: „איז דאָס א קעים וועגען א הלואה אָדער איבער א נשמה?"

פראַגע: „האָט ער אייך עפּעס באצאָלט אויפן וועקסעל?"

ענטפער: (סארקאסטיש) „יע, ער האט מיר באצאלט."

איבערזעצער: „יעס, הי פּייד מי."

ריכטער: „אויב ער האט אים באצאלט פאר וואס קלאגט ער

אים?״

דענים: „אז קלאגען זאלען נאך אים זיין ווייב מיט זיינע קינדער. ער זאל אזוי פירען זיין טאכטערקע צו דער חופה ווי ער האָט מיר באַצאָלט, דער גנב.״

פראגע: „ווען דער ריכטער זאל, צופסקנען אז עס קומט אייך די געלט וואָלט איר אים מוחל געווען דעם פּראָצענט.״ (דער פּראצענט אויפן וועקסעל איז געווען צו הויך נאכ׳ן דין נאך.)

ענטפער: (לייאנעל האט זיך אנגעכאפּט ביי זיין בארד מיט ביידע הענט — און האט זיך א ווארף געטאן אזוי ווי א קאנ־וואולסיע וואָלט אים באפאלען). „וואָס הייסט איך וועל ניט נע־מען דאָס געלט? איך בין פון זינען אַראָפּ, צי וואָס? זאָל ער מיר געבען דאס געלט בין איך אים מוחל דעם פּראצענט — דעם פּארך. איך זאל נאך ניט נעמען מיין קרן? איך וועל זיך שלאגען מיטן דזשאָדזש, וועל איך זיך שלאָגען? ער אי אַ גאַנץ פיינער גוי, וואס האָב איך צו אים? אז דער דזשאָדזש וועט זאָגען נעם, וועל איך נעמען. זאָל ער ברעכען הענט און פיס מיטן פּראָצענט צוזאמען דער מאשעניק, מיין טייערער קאזין, א מפּלה זאל ער געווען איינעמען איידער . . . ״

נאר דא האב איך אים געמוזט אפּשטעלען ווייל איך האב געזען, אז צו זיין ענטפער וועט קיין מאָל ניט קומען קיין ענדע. —דער איבערזעצער האט רעזיגנירט און זיך ענטזאגט ווייטער אָנגיין מיט זיין אַרבעט, ווייל ער האָט ניט פאַרשטאַנען וואָס לייאנעל האט געדונערט — דער ריכטער איז פונדעסטוועגען געווען פאראינטערעסירט צו וויסען וואס מיין קליענט האט געענטפערט אויף מיין פראגע. איך האב ערקלערט אז דער ענט־פער איז געווען „יעס.״

„מיינט די דאָזיגע טרעוואגע, וואָס אייער קליענט האָט

געמאכט „יעס” אין אידיש?” האט דער ריכטער זיך געוואונ־דערט.

„וועל, אַביסעלע איבערטריבען,” האָב איך זיך אנטשולדיגט.

דער סוף פון לייאָנעל'ס עדות זאָגען איז געווען אז דער ריכ־טער האט אים געהייסען ארונטערגיין פון שטול — און ער האט גערופען שוואַרץ'ן, דעם זאָגענאנטען בעל חוב.

אויב לייאנעל איז ניט קלאר אין זיין עדות זאגען אויפן עדות שטול איז ער אבער א בריה ווען זיין געגנער זאגט עדות. ווייל דאן זיצט ער אונטער דעם רוקען פון זיין לאָיער און האלט אים אין איין שושקען אין אוער, און ווען ער כאפט א וואָרט פון זיין געגנער וואָס געפעלט אים ניט, מאכט ער שרעקליכע גרי־מאסען. ער שאָקעלט מיט דעם קאָפּ און דזשעסטיקולירט אזוי דאָס ער זאָל צוציען די אויפמערקזאמקייט פון דעם ריכטער.

שווארץ ערקלערט, „איך האב טאקי בא אים געבארגט דאס געלט נאר איך האב עס אפגעצאלט און איך האב בא אים ניט צוריקגעקראָגען דעם וועקסעל.”

מיין קליענט קען זיך ניט איינהאלטען — ער ציט מיט זיינע אקסלען, ער קלאפט מיטן צונג „טץ, טץ, טץ —ער איז א בלאָ־פער” — זאָגט ער כלומערשט צו מיר, נאָר ער רעדט עס פארן ריכטער'ס פארברויך — און זאָל דער ריכטער וויסען, אז ער האָט צו טאָן מיט אן ערשט קלאסיגען ליגנער.

„אייער אדוואקאט איז דא צו היטען אייערע רעכט.” ערקלערט אים דער ריכטער, „און איר מוזט זיין שטיל.”

נאָר לייאָנעל'ן קימערט ניט דעם ריכטער'ס מילדע ווארנונג. ער איז פאראינטערעסירט, אז דער ריכטער זאָל ניט שיינקען דאָס מינדעסטע אויפמערקזאמקייט צו שוואַרץ'ן און מיט זיי־ ן האַלטונג און טאַקטיק וויל ער דיסקרעדיטירען שווארץ'עס עדות

זאָגען. עס איז זיין קעים און קיינער, אפילו שוואַרץ, האָט ניט קיין רעכט זיך מישען אין איר.

דער עדות זעצט פאָר אז ער האָט געפאָדערט דעם וועקסעל פון דענים'ן ווען ער האָט אים אָפּגעצאָלט דאָס געלט, אָבער יענער האָט אים פארזיכערט דאָס ער האָט עס ערגעץ אוועק־געלייגט און ניטאָ קיין וועקסעל. נאָר אזוי שנעל ווי ער וועט דעם וועקסעל געפינען וועט ער עס צוריק געבען.

„מאמע מיינע . . . וואָט איי לאַיער.״ גיט זיך לייאָנעל א פאָטש מיט דער רעכטער האַנט אין פנים אז די אויגען גלעזער פאלען אזש ארונטער פון דעם ריכטער'ס נאָז.

„מר. דענים, איר מוזט זיך האלטען רוהיג — דא איז א גע־ריכט און איר וועט דא קריגען „דזשאָסטיס,״ גערעכטיגקייט.״

לייאָנעל כאַפּט זיך אויף פון זיין פּלאַץ אזוי ווי א אונטערגע־שאָסענער מיט א דראָהענדען אויסגעשריי.

„איי נאָ וואָנא דזשאָסטים . . . איי וואָנא סאַליספעקשאַן.״

איך ווייס ניט צו לייאָנאל דענים האט געקראָגען סאַליספעק־שאַן — נאָר די קיים האט ער גאַנץ פיין פארלוירען.

„רעב" טשארלי, דער שוהל פרעזידענט

(א מאָנאָלאָג פון א שמש — וועגן גענגסטער גבאים)

אויב איר האַלט פון מצות . . . וועט איר כאַפּען די גרעסטע מצוה ווען איר העלפט אונז אַרויס... און א חוץ דעם וועלען מיר אייך גאַנץ גוט באַפרידיגען. עס איז טאַקי א חרפה און א שאַנדע פאַר גאָט און פאַר לייט, פאַר שול אידען צו גיין זיך משפט'ן אין קאָורט . . . נאָר וואָס קענען מיר טאָן? . . . מיר זיינען אַריינגעפאַלען אין די הענט פון אַזעלכע באַנדיטען, גאָט זאָל מיך ניט שטראָפען פאַר די רייד . . . אַז קיין רבנים קענען אונז דאָ ניט העלפען... ווייל ערשטענס וועלען די גענגסטערס צו קיין רבנים ניט גיין . . . און צווייטענס האָבען די רבנים פשוט מורא פאַר זיי . . . האָבען מיר באַשלאָסען . . . וואָס וועט זיין וועט זיין . . . מיר וועלען גיין אין קאָורט מיט זיי . . . פאַרן קאָורט האָבען זיי אביסעל דרך ארץ.

וועט איר דאָך פרעגען ווי קומען שול-אידען צו גענגסטערס? און וואָס האָט אין אַלגעמיין א גענגסטער צו טאָן מיט א שול? איז טאַקי א קשיה — אָבער איך וועל אייך דערציילען ווי אַזוי מיר זיינען אַריינגעפאַלען אין אַזא מיאוס'ער בלאָטע.

איר האָט דאָך מן הסתם געהערט פון „טו-גאָן טשאַרלי" — נו, איז דער טשאַרלי איצט דער פרעזידענט פון אונזער שול. איך זע אז איר גלויבט מיר ניט, האַ? זאָלען מיר שוין אַזוי אַלע דערלעבען משיח בן דוד'ן ווי איך זאָג אייך דעם אמת.

פיער־און־פערציג

איך בין דאָך דער שמש אין דער שול — נו, האָבען מיך די בעלי בתים אַפּוינטעד אין א קאָמיטע צו גיין זיך דורכרעדען מיט אייך... זיי האָבען אליין אפילו מורא געהאַט צו גיין צו אייך... זיי ציטערען פאר אים. איר שפּילט זיך מיט „טו־גאָן טשאַרלי" איר ווייסט דאָך וואָרום מען רופט אים „טו־גאָן?" עס איז ניט חלילה דערפאר וואָס ער לייגט צוויי פּאָר תפילין... ס'איז פשוט דערפאר וואָס טשאַרלי פאַרלאָזט זיך ניט אויף ניסים ווען עס קומט צו עפּעס אַן „עמוירדזשענסי" — איז טראָגט ער צוויי פּיסטאָלס און שיסט מיט ביידע. אַזאַ מענש איז דאָס... ווי־זשע קומט ער ווערען בא אונז פרעזידענט... וועט איר הערען:

פופצען יאָר צייט האָבען מיר געהאַט א קליין שולכעל. פופציג אָרימע, נאָר אנשטענדיגע בעלי בתים פלעגען די שול אויסהאַלטען. אַ גאַנץ יאָר האָבען מיר ניט געהאַט קיין חזן — נו, האָבען מיר אַליין געדאַוועט פאַרן עמוד... וועלכער איד קען דאָס ניט דאַווענען פאַר'ן עמוד? אויף ימים נוראים פלעגען מיר שטענדיג קריגען א גאַנץ פיינעם חזן — האָבען מיר גענוג געלט געמאַכט אויף א גאַנץ יאָר. עס הייסט צופיל געלט האָבען מיר קיינמאָל ניט געהאַט אויף אויסצוהאַלטען די שול — נאָר מען איז ווי עס איז דורכגעקומען.

פלוצים קומט צו אונז אַריין דער טשאַרלי פאַר א מעמבער. זיינער, א קאָזין, וועלכער איז בא אונז געווען א מעמבער פאר פילע יאָרען, האָט אים אריינגעבראַכט. מיר האָבען דוקא געהאַט א פארדאַכט אויף טשארלי'ן. מיר האָבען געוואוסט אַז ער איז ערשט ניט לאַנג אַרויס פון דזשייל... און מיר האָבען אויך פארשטאַנען אז ער איז אין דזשייל געזעסען ניט חלילה פאר פארקויפען ציצות אָדער פאר שרייבען תפילין... נאָר א

איך וויל טאָן תשובה — און וויל באַלאַנגען צו אַ שול און דאַוו־נען, איז דאָך אַ גרויסע זאַך . . . צו העלפֿן אַ מענטשן ווערן אַ בעל תשובה איז דאָך איינע פֿון די גרעסטע מצוות. נו, האָבן מיר געמאַכט פּלאַץ פֿאַר טשאַרלי׳ן און מיר האָבן אים אויפֿ־גענומען ווי אַן אבֿן טובֿ . . . גיי ווייס, אַז ווען מען האָט אים אַרויסגעלאָזט פֿון דזשייל אויף „פּאַראָל״ ווי זיי רופֿן עס אָן, איז איינע פֿון די באַדינגונגען געווען, אַז ער מוז אַרבעטן בײַ זיין קאַזין און מוז באַלאַנגען צו אַ שול. — דאָס האָבן מיר אויסגעפֿונען ווען עס איז שוין געווען צו שפּעט . . . ווען זיין פּאַראָל צייט איז שוין געווען פֿאַריבער.

די ערשטע פּאָר וואָכן איז טשאַרלי געזעסן ווי אַ לעמעלע אין שול . . . עס האָט אויסגעזען, אַז ער שלינגט איין יע־דן וואָרט . . . זיין פּנים האָט אויסגעקוקט אַזוי ווי ער איז גאָט די נשמה שולדיק. ער האָט זיך זייער ווייניק געמישט די ערשטע צייט אין שול ענינים — אַלץ וואָס איך געדענק איז, אַז ער פֿלעגט שרייען „אָמן״ העכער ווי אַלע אַנדערע. נאָכ־הער האָט ער אַנגעהויבן געבן דאָנייישאָנס פֿאַר דער שול . . . ער האָט באַצאָלט פֿאַר אַ גאַנצן ווינטער קוילן . . . ער האָט געקויפֿט נייע סדורים . . . אונזער שול האָט גאָר אויפֿגעלעבט. איר פֿאַרשטייט, אונזערע מעמבערס זיינען עלטערע מענטשן— קענען מיר זיך ניט אָפּגעבן מיט געלט־זאַכן, חוץ איין מאָל אין יאָר — יום־טובֿים צייטן. און דאָ קומט אַ מענטש און נעמט בײַ אונז אַרונטער אַזאַ הכבדה . . . און מיר האָבן טאַקי גע־האַט אַ וואַרימע שול, וואו מיר פֿלעגן זיך קענען צונויפֿקומען אין אָוונט און אַ ביסעל לערנען.

נאָכדעם האָט ער אונז פֿאָרגעשלאָגן אַ פּלאַן ווי אַזוי צו מאַ־

כען א פּאָר עקסטרא דאלער... די וואָס האָבען יאָר־צייט אָדער קומען אין שול פאר יזכור זאָלען באצאָלען... דאָס וועט אונז געבען אַן עקסטרא הכנסה און מיר וועלען קענען פעינטען און פּאַריכטען די שול. אונזערע מעמבערס זיינען דוקה געווען גע־גען דעם פלאַן. וואָס הייסט, האָבען זיי גע׳טענה׳ט — מאַכען א אידען באצאָלען פאר אַזעלכע זאַכען?... און ווער וועט גיין קאָלעקטען פאר דעם? האָט ער אונז דערציילט אז אזוי פירט זיך איצט אין אַ סך שולען... און ער וועט זיין דער קאָ־לעקטאָר... מיר זאָלען לאָזען די גאנצע זאַך צו אים. נו, אזוי ווי ער האָט געמיינט אלעס לטובת דער שול האָבען מיר אים געגעבען דאָס רעכט.

האָבען זיך פּלוצים אנגעהויבען יאָווען אין אונזער שול מענ־שען וואָס מיר האָבען קיינמאָל ניט געזען און קיינמאָל ניט גע־הערט פון זיי. מענשען וואָס האָבען ניט אויסגעקוקט ווי אידען... און אַ סך האָבען גאָר ניט אויסגעקוקט ווי מענשען, זאָל מיך גאָט ניט שטראָפען פאר די רייד. און „טו גאָן טשאַר־לי" האָט איינגעקאָלעקטעד בא יעדען איינעם. ער האָט זיי גע־מוזט רעכענען פּלענטי ווייל אין א גאָר קורצער צייט האָבען מיר געהאט קיין עין הרע א היבשען קאפּיטאל.

„נו, טשאַרלי," האָבען מיר אים געפרעגט, „ווען וועלען מיר שוין פאררּיכטען די שול?" —

„מ׳וועט נאָך פאַרריכטען." האָט ער געענטפערט.

איינמאָל איז געקומען זיין קאָזין צו א מיטינג פון אונזער עקזעקוטיוו קאָמיטע — און מאכט אזא פאָרשלאג: — אזוי ווי טשארלי איז שוין בא אונז א מעמבער כמעט א גאנץ יאָר — און אזוי ווי מיר גייען איינגיכען האלטען עלעקשאָנס — וואָלט

געווען א פּלאַן אַז מען זאָל טשאַרלי׳ן עלעקטען פאַר פּרעזידענט פון אונזער שול. און אנשטאט פארריכטען די אלטע שול, זאָגט טשאַרלי, אַז מען זאָל בעסער בויען א נייע.

„וואָס הייסט א נייע?״ האָבען מיר זיך דערשראָקען. „וואו וועלען מיר נעמען דאָס געלט?״

„זאָרגט זיך ניט,״ האָט אונז דער קאָזין פארזיכערט, „לאָזט דאָס איבער צו טשאַרלי׳ן. צוויי טויזענט דאלער האָט ער שוין פון יאָר־צייטען און פון „יזכור׳ס״, דאָס איבריגע וועט ער שוין זען צו קריגען. צו די מעמבערס פאר געלט וועט ער ניט קומען.״

אַז די מעמבערס האָבען דערהערט אַזאַ זאַך — א נייע שול, איז בא זיי געוואָרען ששון ושמחה. אונזער אלטע שול איז טאַקי געווען אביסעל צו ווייט פון אונזערע היימען, און עס וואָלט טאַקי געקאָסט א שיינע פּאָר דאלער צו פיקסען זי . . . איז באשלאָסען געוואָרען אז מיר וועלען עלעקטען טשאַרלי׳ן פאַר פּרעזידענט — און ער וועט בויען א נייע שול.

און ווען טשאַרלי איז עלעקטעט געוואָרען פאר פּרעזידענט — זיינען מיר אַלע דאמאָלסט אויך עלעקטעט געוואָרען . . . מיר זיינען שוין עלעקטעד געוואָרען אזוי ריכטיג . . . כאַפּט־זשע ניט, וועט איר הערען וואָס דער טשאַרלי האָט אונז אָפּגעטאָן — די ערשטע זאַך האָט ער געקויפט א לאָט אויף זיין נאָמען. ווייל, האָט ער געזאָגט, די באנק וועט אים געבען א גרעסערען מאָר־געדזש ווען די פּראָפּערטי וועט זיין אויף זיין נאָמען. נאָכהער האָט ער זיך גענומען צום בויען. איך זאָג אייך—עס איז בא אים די שול געוואַקסען. מיר, מעמבערס, האָבען געקוואָלען פון נחת. איר מיינט עפּעס ער האָט אונז אויסגעבויט א שולכעל, ניט טשאַרלי — ער האָט אונז אויסגעבויט א שול, די גרויס

להבדיל ווי א טעמפעל, מיט די שענסטע מעבעל — מען איז געקומען קוקען פון דער גאנצער שטאָדט אויף אונזער ארון קודש — אזא ארון קודש האָט ער אונז אויסגעבויט.

„טשאַרלי, אַוואו וועסטו נעמען אזוי פיל געלט?" האָבען מיר אים געפרעגט.

„לאָזט עס איבער צו מיר, די ביינק האָבען פלענטי קופּער," האָט ער געשמייכעלט מיט זיינע גרויסע ציין. „איר מישט זיך ניט און מיר וועלען האָבען די שול פארטיג פאר די „האָלידייס."

די שול איז שוין גאָט צו דאַנקען פאַרטיג געוואָרען — א צירונג א שול, זאָג איך אייך . . . האָבען זיך אנגעהויבען טראָגען קלאַנגען אז די קאָנטראקטאָרס, וואָס האָבען געאַרבעט בא דער שוהל האָבען ניט געקראָגען באַצאָלט. נאכהער זיינען דאָס געוואָרען מער ווי קלאַנגען . . . ארבעטער, פּיינטערס, קאַרפּענטערס, פלאָמבערס האָבען אנגעהויבען אונז אָפּשלאָגען די טירען. „וואָס הייסט, שול אידען זאָלען טאָן אַזאַ זאַך — ארוים־נאַרען בא מענשען „רילִיסעס" מיט אַלערליי פּייפּערס און נאכהער זיי געבען א פייג!" עס איז אונז פינסטער געוואָרען אין די אויגען ווען מיר האָבען דערהערט די געשיכטע — מיר האָבען באַלד געשיקט נאָך טשאַרלי'ן.

„סטייטש, טשאַרלי," האָבען מיר אים געפרעגט. „ווי אזוי טוסטו עס אָפּ אזא זאַך? דו האָסט דאָך אונז פארשווארצט די פּנימער — מען שלעפּט דאָך אונז צו דין תורות. מיר קאָנען דאָך די גאַס ניט אַריבערגיין. דו האָסט דאָך געקראָגען א גרויסען מאַרגעדזש, פארוואָס צאָלסטו ניט די מענשען?"

„ליוו איט טו מי," האָט ער שוין אנגעהויבען צו אונז רעדען אויף ענגליש. „טשאַרלי וועט שוין צו אַלעם אטענדען. זייט ניט

אָלד פעשאָנד. איך טו ביזנעס" זאָגט ער, „אין אַפּ־טו־דייט סטייל. די חברה וועלען אייך שוין מער ניט באַדערען."

און זיי האָבען אונז טאַקי מער ניט געבאַדערט. נאָר וואָס דען, זיי זיינען געקומען שטילערהייט בעטען רחמים בא אונז אַז מיר זאָלען ארונטערנעמען טשאַרלי׳ן מיט זיין גענג פון זייערע קעפּ — „מיר זיינען אייך שוין מוחל דאָס געלט וואָס איר קומט אונז אַבי ראַטעוועט אונז. מיר זיינען דאָך ניט זיכער מיט אונזערע לעבענס און מיט אונזערע געשעפטען. מיר האָבען מורא ארויסצולאָזען אונזערע קינדער אויפן גאַס — ווייל מען וועט זיי קידנעפּען. איר האָט גאָר ניט קיין באַגריף וואָס פאר אַ מענש דער „טו גאָן טשאַרלי" איז און וואָס פאר א גענג ער האָט. מיר וולען נאָך אייך געבען א דאָניישאָן פאר אייער שול — נאָר נעמט אים אראָפּ פון אונזערע קעפּ. מען צושטערט אונז אונזערע דזשאבס, מען שטעכט, מען ברעכט, מען גנב׳עט וואַרע, און א חוץ דעם האָט מען אונז נאָך געוואָרענט אַז מען וועט אונז לינטשען. איר פארשטייט? מיר זיינען מוחל דאָס געלט — נעמט אים נאָר ארונטער פון אונז — מיר זיינען ניט זיכער מיט׳ן לעבען."

מיר האָבען ווידער אמאָל אריינגערופען אונזער פרעזידענט, „סטייטש טשאַרלי, פארוואָס צאָלסטו ניט די מענשען — און אין אַלגעמיין וואָס האָסטו צו די קאָנטראקטאָרס — אומשולדיגע אידען."

„אומשולדיג — נאַטינג" מאכט ער, „איך גיי זיך ערשט נעמען צו זיי — זיי וועלען פארזאָגען א צענטען צו פארשווארצען מיינע מעמבערס די פּנימער."

„וואו איז דאָס געלט? וואָס האָסטו געטאָן מיט דעם געלט וואָס

דו האָסט געקראָגען אין דער באנק?״ האָבען מיר אים שוין אנגעהויבען שטעלען די פראַגע אביסעלע הארבער, אזוי זיך מיט א שלשלת.

— „אָ, דאָס געלט,״ מאכט ער זיך כלומרשט טאַמעוואַטע.

— „יעס, דאָס געלט״, ענטפערט מען אים שוין מיט כעס.

„הערט זיך צו״ מאכט ער, און גיט זיך א טאָפּ באביידע בעק פּאַקעטס — כדי אַז מיר זאָלען פארשטיין אַז ער האָט נאָך ביידע פּיסטאָלס. „איך האָב פּיינט אז מען נודיעט מיך, — איי דאָנט לאַיק טו בי באַדערד, יו אַנדערסטענד, — און אויב איר וועט מיר נאָכאַמאָל האַקען א טשייניק מיט געלט וועל איך אייך צוהאַקען די קעפּ״ און ער האָט א מאַך געטאָן מיט די הענט אזוי, אַז מיר האָבען גאנץ גוט פארשטאַנען וואָס ער האָט געמיינט — אַז דאָס לשון איז אונז אָפּגענומען געוואָרען — און מיר האָבען געשוויגען . . .

מיר האָבען געשוויגען און טשאַרלי האָט געשפּילט די גאנצע ראָלע. איר הערט, וואו א גענגסטער, וואו א באנדיט האָט ער אים געבראכט צו אונז אין שול אַריין. נו, אַז מען האלט אים פאר אַזאַ סטאַטיק, וואָס הייסט, ער איז דאָך פּרעזידענט פון אַ גרויסער שול, פארטרויעט מען אים אלע אידישע גענגסטערס אַרעסטאַנטען איבער יום טוב, און נאָך יום טוב, דאַרף ער די דאָזיגע פויגלען צושטעלען צוריק. האָבען מיר פארשטערטע ימים טובים פון זיי. מיר האָבען זיך פליין און פשוט מורא א שאָקעל צו טאָן באַם דאַווענען. אַז עס דרייען זיך דיר אַרום אַ גענג מיט „טאָף גאַיס״, מיט פלאַטשיגע נעזער, מיט אַזעלכע מגושמים׳דיגע צוקלאַפּטע אויערען, מען רופט זיי „קאַליפלאַוער אויערען,״ מיט גרויסע, דיקע ליפּען, און מען רעדט נאָר דורכן זייט פון מויל

און וואָס שפּייען זיי אַזוי פיל, די חברה? א געשריי אמן און א שפּיי דורך די ציין. ער האָט שוין אוועקגעשטעלט קאָספּאַדאָרס אַרום אַלע סיטס. זאָג איך אייך — פאַר א שול איז עס א גאַנץ פיינע צירונג. אַמאָל בא אונז באַ א יום טוב — פלעגט מען זיך איינס דאָס צווייטע מכבד זיין מיט א שמעק טאַבאַק — און איצט איז אוים שמעק טאַבאַק — אַלעס וואָס מען הערט איצט איז: „סעי, העוו יו גאָט עי האַנק אָף טשו טאַבעקאַ?"—ס'קערט זיך מיר איבער די גאַל פון דעם, זאָג איך אייך.

היינט וואָלט איר געדאַרפט זיין באַ אונז ווען מען פאַרקויפט עליות. עס רעדט זיך פאַרקויפט עליות. טשאַרלי מאַכט פון דעם א גאַנצען אָקשען סעיל, להבדיל. ער שטעלט זיך אַוועק אויף דעם בעלעמער און הויבט אָן דורך א זייט פון מויל אָט אַזוי: „באָיעס" מאַכט ער צו זיי אין ענגליש, איך גיי אייך פאַרקויפען סאַמטינג וואָס ווערט אַנגערופען „האָליעס." דאָנט עסק עני קוועסטשאָנס ענד באַי איט, אָר עלס . . . האָט ניט קיין מורא און בוסט די פּרייזען . . . ווייל באַ אַזאַ זאַך האָב איך ליב קאָמ־פּעטישאָן. הו גיווס טען באָקס?" — עס ווערט א טומעל ווי אויף א יאַריד, להבדיל. די חברה הויבען הענט, קולאַקעס, און מען פילדערט — אָל פּעי פיפטין באָקס, שרייט עפּעס א גע־שטופּעלטער — טווענטי סמעקערס, שרייט א צווייטער מיט בלויז איין נאָז-נעכעל — און מען קויפט — און נאָכהער ווען עס ווערט שוין אַלעס פאַרקויפט, עס הייסט מיר אַלטע מעמ־בערס קויפען ניט, ווייל מען לאָזט אונז ניט צו — און ווער קען עס טאַקי אַפאָרדען צו צאָלען אַזעלכע הויכע פּרייזען. גיט זיי טשאַרלי ווייטער א קורצע רעדע: „איט איז אָגענסט די לאָ", זאָגט ער זיי. צו נעמען געלט אום יום טוב — נאָר עס זיצט באַ מיר א שווארצער אין די בעק און פאַרשרייבט. איך האָב פיינט

מאַנקי ביזנעס און דער וואָס וועט ניט באַצאָלען דאָס געלט מאָרגען . . . וועל, איך דאַרף אייך ניט זאָגען וואָס טשאַרלי טוט . . . אייל טעיק הים פאָר א ראַיד" . . . און חברה צאָלען — אַי צאָלען זיי.

אויב ער אַליין קאַלעקטעד ניט — האָט ער איצט אַן ארויס־העלפער, „לואי די גאָרילאַ" רופט מען אים. לואי איז ערשט אַרויס פון דער פּעניטענשערי און טשאַרלי האָט אונז אָנגעזאָגט למען השם אים געבען אַן עליה. ער איז נאָך קיינמאָל אין קיין שול ניט געווען, האָט ער אונז דערקלערט, און ער וויל אַז לואי זאָל זיך פּילען היימיש. האָט איר געדאַרפט זען א „לואי גאָרי־לאַ", גרוים ווי אַן עלעפאנט — מיט א נאָז איבערן גאַנצען פּנים. ער גייט אָנגעטאָן אין א ראַקון קאָוט אַזאַ, וועלכער מאכט אים אויסקוקען ווי אַן אומגעלומפּערטע גרויסע חיה, און ער רוי־כערט זיך גאַנץ געשמאַק א סיגאַר.

„יו קענט סמאָוק אין די סינאַגאָג" בעט איך זיך בא אים, און דאָס הארץ קלאַפּט מיר ווי א וועק־זייגער. „איי בעג יור פאַר־דאָן" איז ער דוקא איידעל צו מיר און לייגט אוועק דאָס סי־גאַרעל. „וואָט איז יור נעים?" פרעג איך אים — מען דאַרף דאָך דעם גאָרילא געבען אַן עליה. — „לואי" ענטפערט ער מיר — „און דיין פאָטערס נאָמען?", „פּיט", ענטפערט ער מיר דורך דער רעכטער זייט פון מויל — „דעי יוזד טו קאָל הים קאַקאַיד פּיט," האָט ער מיר איבערגעגעבען זיין יחוס.

„נו, מיר טוען זיך אונזערס—און מיר רופען אים אויף—יעמוד אליעזר בן פּנחס הכהן — ווייסט ער דען אַז דאָס מיינט מען אים, זאָלען אזוי אידען וויסען פון זייערע צרות ווי ער האָט גע־וואוסט. גיט אים זיין שכן א טורקע — „דהעי וואָנט יו אָפּ

דער", „הו, מי", גיט ער זיך א יאַג אויף דער בימה און גיט א געשריי: „וואָטס די טראָבל היר?" אַז הענט און פיס הויבען בא אונז אָן ציטערען.

אַט אַזוי פירט זיך דאָס איצט בא אונז אין שול. און דאָס איז נאָך גאָר ניט. איצט קלייבט זיך טשאַרלי אוועקצולייגען א שטייער, א טעקס אַזאַ אויף יעדער טשיקען וואָס ווערט געקוילעט און אויף יעדען הערינג וואָס ווערט פארקויפט בא אונז אין נייבאָרהוד. יעדער מוהל, שדכן און מסדר קדושין וועט מוזען באצאָלען א טעקס. „פאַר א פדיון הבן" זאָגט ער „סיי פאַר א אינגעל סיי פאר א מיידעל וועט מען אים מוזען צאָלען א פינפערעל. און דאָס איז אלץ כלומרשט פאר דער שול. מיר'ן דאָס געלט אזוי זען ווי איר. דאָס געלט גייט אויף אויפצוהאַלטען טשאַרלי'ן מיט זיין גענג — נעקסטע וואָך גייט ער האָבען א רעסטלינג מעטש — אויך א בענעפיט פאר דער שול.

איך זאָג אייך — מיר וועלען נאָך זיצען אין דזשייל וועלען מיר נאָך, און דאָ האָט מען מורא א וואָרט ארויסצורעדען. אַ פיפס צו טאָן אפילו . . . אַז מען איז מיט'ן לעבען ניט זיכער. איז ווי איך האָב שוין אייך געזאָגט, צו מענשען גיין וועט ער ניט . . . און א חוץ דעם זיינען ניטאָ קיין מענשען וואָס וועלען אונז הערען . . . איז קאָורט . . . דאָס איז די איינציגע זאך וואָס איז אונז פאַרבליבען . . . פארן קאָורט האָט ער נאָך דרך ארץ.

מיר זיינען אים מוחל די נייע שול מיט'ן ארון קודש מיט אַלץ, זאָל ער די שול האַלטען פאר זיך מיט זיין חברה . . . פון אונזערטוועגען זאָל ער די שול רופען אפילו בית הכנסת אנשי פעניטענשערי און טאבעקא — ווען ער מען אָרט עס . . . זאָל ער אונז צוריק געבען אונזער אלטע שול ,זאָל ער . . . זאָל ער אונז

צוריק געבען אונזערע אלטע ספרי תורות, זאָל ער . . . זאָל ער אונז אָפּלאָזען, זאָל ער . . . זאָל ער לאָזען מיט דער נשמה, זאָל ער . . .

דער איד מיט'ן פּ-פּ-פּעטען

(א מאָנאָלאָג פון א שטאמלער וואָס זוכט פרנסה)

גוד איוונינג ליסטער מאָיער — וואס פאר אן איוונינג אויף מיר איך מיין גוד מארנינג ליסטער מאיער — איך מיין מיסטער לאָיער, גוד מאָרנינג. איר הענדעלט דאָך מן הסתם אלערליי קייסעס — צו איר מאכט א לעבען אזוי זיך? נו, אבי איר מאכט א לעבען איז גאט צו דאנקען. ס'איז גאנץ שווער צו מאכען א לעבען היינטיגע צייטען. נו, צייטען האבען מיר זיך דערלעבט. זינט איך לעב האב איך נאך אזעלכס ניט געזעהן. נאך דער מלחמה איז דאך געווען שלעכט—וואס הייסט שלעכט, עס איז געווען ביטער. אלץ הייסט מלחמות—דאס איז דאך געווען איינע פון די שרעקליכסטע שלאכטען. דייטשלאנד האט טאקי געקראגען די מפּלה — איז אבער דאס בלוט וואס האט זיך פארגאסען — און ווי זאגט מען—בלוט איז ניט קיין וואסער. יעס, אזוי גייט עס — איז אבי מען מאכט א לעבען.

הייסט עס, אז איר הענדעלט פּ-פּ-פּעטליעס אויך, איך מיין פּ-פּ-פּלעטען — וואס פאר א פּ-פּ-פּלעטען — פּ-פּ-פּעטענטס הענדעלט איר דאך—עס הייסט פּ-פּ-פּ-פּעטענטס אויף שוויגערס — וואס רעד איך? שוויגער פּ-פּ-פּעטענטס הענדעלט איר? טפו זאל דאס ווערען! — איך וויל זאגען דאס מיין שוויגער וויל א פּ-פּ-פּעטען, וויל זי. זאגט זי צו מיר, גיי צום לאיער און פרעג זיך פאנאנדער ווי אזוי מען קריגט א פּ-פּ-פּעטען. זי האט שוין דוקה געשריבען צו די פּ-פּ-פּייפּערס, זי שרייבט א נישקשהדיגען אידיש, מיין שוויגער, אָט אזוי ווי איר קוקט זי אָן. טאַקי אסך

גרייזען — נאר א שיינער כתב, א גאנץ שעהנער פּ־פּ־פּאַט־שערעק, שרייבט זי צו די פּ־פּ־פּייפּערס — אט אזוי און אזוי — זי וויל א פּ־פּ־פּעטען. שרייבען די פּ־פּ־פּייפּערס, שרייבען זיי, אז אך און וועה וואס זיי שרייבען . . . מען וועט זיך נאך אמאל שלאגען . . . נאך א מלחמה, ווידער אמאל מלחמה . . און ס'וועט זיין גאַר אין גיכען . . . און וועמעס שולד איז עס? טשעמבער־לעינס . . . א מענש שטופּט זיך איבעראַל . . . נאַדיר א מינכען אויף אונזער קאפּ . . . יע, מינכען . . . דו ווילסט דאַוונען מינכע דאַווען . . . אָבער וואָס פאר א שאָקלען זיך, וואָס פאר א קידען זיך. זאגט אים דוקא די שוויגער: „מעכעל, וואס וואַרפּסטו זיך, וואָס קידעסטו זיך — דאַוונען שטיל . . . אָבער גיי פּועל ביי מיין שווער . . . טאקי א פרומער איד . . . נאר שוין צו פרום . . . און איר ווייסט דאך, אז וואס צו פיל איז אומגע־זונט . . .

האט זי זיך איינגעשפּארט מיין שוויגער, גיי צום לאָיער נאך א פּ־פּ־פּעטען, „אפשר וועסטו אויך קענען מאכען א לעבען.” זי האט עפּעס געלייענט אין די פּ־פּ־פּייפּערס, מיין שוויגער, אז מענשען מאכען אוצרות פון פּ־פּ־פּעטענס, וויל זי ארויס נעמען א פּ־פּ־פּעטען . . . נו, און אזוי ווי די צייט איז יעצט שווער — וואס הייסט שווער — און די שוויגער — זיי זיינען טאקי צוויי עלטערע מענשען, נו, און אז עלטערע מענשען, דארפען זיי דען ניט עסען? אט אזוי ווי איר קוקט אן מיין שווער — טאקי אן עלטערער מענש, הא? איז א לעבעל ברויט ניט זיכער מיטען לעבען ביי אים אין די הענט . . . איז וואו נעמט מען טאקי? ס'איז פליין און פשוט ניטאָ . . . כאָטש גיי שריי חי וקים . . . וועט דאס שרייען עפּעס העלפען? אויף רעליעף וויל מען אויך ניט גיין — סי פּאַסט ניט . . . פאַרט פון א פיינעם יחוס . . .

מען האט שוין איר גערעט די פיינסטע שידוכים מיין שוועגער'ן — ניין און ניין, זי האלט זיך ביים יחוס . . . עס הייסט זי אליין האט נאר א פּ־פּ־פּעטען אויף יחוס . . . נו, אז א פּ־פּ־פּעטען איז א פּ־פּ־פּעטען . . . בין איך דאס געקומען צו אייך אז איר זאלט קריגען א פּ־פּ־פּעטען אויף יחוס . . . איך מיין א פּ־פּ־פּעטען פאר מיין שוויגער.

אפשר וועט גאט העלפען פון פּ־פּ־פּעטען. אָן א פּ־פּ־פּעטען איז פון ברוק אין וואסער. איך האב שוין געהאנדעלט און געוואנדעלט . . . געשווינדעלט און געקינדעלט . . . נו, און עס גייט ניט — ניטא קיין קינדער. שוין געווען בא די גרעסטע ספּעשעליסטען און עס העלפט ניט . . . שוין געטרייט באבסקע רפואות און אזוי ווי אין דער ערד . . . בין איך געקומען צו אייך פאר א פּ־פּ־פּעטען . . . ס'מאכט דאך פארט די גאנצע וועלט א לעבען פון פּ־פּ־פּעטענטס. די ראקעפעלערס, די מארגאַנס, די מאָרגענטהאוס, ווי געפעלט אייך דער מאָרגענטהאוס? שוין איינמאל א מארגענטהאו! די אידען האבען נאך פון דעסטוועגען א שטיקעלע מזל . . . א איד א טרעזשרער פון די יונייטעד סנייקס . . . מן הסתם האלט ער דאך די פּ־פּ־פּעטענטס אויך . . . דארט אין וואשינגטאן . . . איז נאך מיין נארישען שכל ווען מען שרייבט אים א גוטען לעטטער . . . אט אזוי און אזוי איז די געשיכטע . . . מענשען שטארבען פון הונגער . . . זיי מוזען מאכען א לעבען . . . וואס קומט זיי אז זיי ווילען ניט גיין אויף רעליעף? . . . ווילען זיי קריגען א פּ־פּ־פּעטען. ער האט דאך פארט א אידיש הארץ, מארגענטהאו, וואס וועט ער זיך האַלטען מיט אזוי פיל פּ־פּ־פּעטענטס וואָס? . . .

עס הייסט ווען איך קען שרייבען א גוטען ענגליש וואלט איך דעם לעטטער אליין געשריבען . . . איז מען דאך געשטראפט

. . . מען קען ניט . . . ווער האָט דען צייט געהאַט צו לערנען.
געקומען בין איך נאָך דוקה גאר א אינגעל אהער. נו, בא קבצנים
עלטערען איז באלד היידאַ צו דער ארבעט. איז פון אינדערפרי
ביז שפּעט באנאַכט געארבעט אין א לאָנדרי . . . איינע פון די
גרעסטע לאנדרים אין שטאט . . . זיי האבען עפּעס געהאט א
צוואַנציג טראָקס . . . איר האָט געדאַרפט זען די סאַיז פון די
טראַקס . . . גאנצע געביידעס . . . נו, אַז אזא טראַק פארט אייך
אַריין איז גוד באַי טשאַלי. איז בין איך טאַקי געוועזן זייער
„קערפול” . . . נאָר גיי היט זיך איין — איז מען מיר טאַקי אזוי
ריכטיג אַריינגעפאָרען. געגאנגען צו א גרויסען לאָיער און ער
האָט געקראָגען — גאָרניט. ער האָט געזאָגט אַז איך
בין א פלוט און איך האָב פארלוירען . . . נו, פארלוירען איז
פארלוירען . . . מען קען פון קבר צוריק ניט ארויס קריגען . . .
געוועזן דוקה א גאנץ יונגער מענש דער לאנדרימאַן . . . אנגע־
שוויצט זיך באַם סטים . . . געכאַפּט א קאָלד און אוים לאנדרי־
מאן . . . ניומאָניע! . . . וואָס מענשען שטאַרבען דאָס פון דער
ניומאָניע — ס'אַ שרעק. מיין שוויגער האָט געלייענט אין די
פּ־פּ־פּייפּערס, אַז מער מענשען שטאַרבען פון ניומאָניע ווי פון
הארץ קראנקהייט . . . עס גייט דיר א געזונטער מענש אין גאס
. . . ער קוקט אוים גאנץ געזונט — נו, און פאלט אוועק. . . .
זיך אויסגעגליטשט און געפאלען . . . געפאלען. נעמט שיט אָן
זאַמד אָדער זאַלץ אויפן סיידוואָק, אז מענשען זאָלען ניט פאַלען.
איז מען צו ביזי . . נאר מען איז ביזי דא אין אמעריקע . . מיינט
איר דאָך, אז מען מאכט א לעבען, א נעכטיגער טאָג. איך האָב
שוין געפּעדעלט מיט ברומס, איך האב שוין געפּעדעלט מיט בי־
כער . . . יע, יע, איך האב שוין פארקויפט ביכער אויך. מיינער
אַ קאָזין האָט געהאט א סעט ביכער — זעקס שטיק — גרעפּץ

היסטאָרי פון די אידען . . . מאכט ער: „שלום מזל, גיי פארקויף זיי און האלט די געלט פאר זיך, איך דארף זיי ניט,״ זאגט ער — „איך קען ניט לעזען.״ נו, האב איך די ביכער נימז פארקויפט . . . איך האָב זיי איינגעטריידעט פאר א סעקסאָפאָן . . . נו, וואס וועל איך טאָן מיט א סעקסאפאן? איך קען דען שפילען? איך האב מיין גאנץ לעבען ניט געשפילט. זעט איר מיין פאטער, עליו השלום, דוקא יא. ער וואלט אייך געווען אוועקגעגעבען דעם טשאָלענט מיטן קוגעל פאר א פינאַקעל. ער האט ליב געהאט שאַך אויך: געווען א הייסער חסיד מיין פאָטער, זאָל ער מיר מוחל זיין, נאָר קיין לעבען האָט ער אויך ניט געמאכט. ס׳הייסט ווען מען וויל זאָגען מאכט אונ־זער גאנצע משפחה קיין לעבען ניט. מען מוטשעט זיך און מע האט קינדער און גאר ניט. חוץ איך — ניטא קיין קינדער — כאטש נעם איין א מתה משונה. ס׳קאסט שוין מיך א פארמע־גען די געשיכטע. איין דאקטער האט מיר געגעבען פילען . . . עס הייסט צווייערליי פילען . . . איין סארט אויף שלינגען און דעם צווייטען סאָרט אויף צו צעלאָזען אין וואסער און זיך באָדען אין דעם. נו, בין איך דאך א ביסעל א צודרייטער — האב איך פארדרייט די יוצרות און געשלונגען ניט די ריכטיגע פילען — עס הייסט די רויטע פילען אויף צום באדען זיך . . . איז ניט פאר קיין שום אידען געדאכט האב איך געשפיגען רויט וואכען לאנג. נו, האט מען זיך דערשראקען און מען האט מיך אוועק געפירט צום דאָקטער, טאַקי צום זעלבען דאָקטער, וואָס האָט געגעבען די פילען. דאָקטאָר, ראטעוועט, שרייט די שוויגער, מיין איידעם האָט איינגעשלונגען ניט די ריכטיגע פילען. וואָס פילען, וועך פילען? פרעגט דער דאָקטאָר . . . אָט אָ די פילען? . . . איך האָב דאך די פילען געגעבען פאר דער ווייבעל פאר זיינער . . . איז אט אזוי ווי איר זעט האב איך שוין פלענטי איבערגעלעבט . . . פילען, פאָגראָמען, מלחמות, צרות . . . נאָר געווען בין איך

א שלים מזל אלע מײַנע יאָרען—ווי מײַן מאַמע פלעגט זאָגען—א קאַץ אַן עק ניט געקענט פאַרבינדען. נו, איז אין וואָסער אַרײַן וועל איך זיך ניט וואַרפען . . . איך בין פון דער נאַטור ניט קיין זעלבסטמערדער . . . איך בין זייער „גוד-נייטשורד" — ווען איך האָב גיב איך אייך אוועק די העמד פון לײַב . . .נו, האָב איך ניט . . . עפּעס יאָ געווען א בלויע העמד האָט זי די לאַנדרי צוריסען אויף שטיקלאַך. וואָס די לאַנדרים מאַכען דאָס א תל פון העמדער איז א שרעק. איך האָב דוקא מײַנער געזאָגט . . . שיק ניט דאָס העמד אין לאַנדרי, וואַש עס אַליין . . . נו, זאָלט איר מיר עקסקיוזען פוילט זי זיך אונטער, און הײַנט דאַרף מען דאָך שפּילען ברידזש . . . נאָדיר א ברידזש אויף מײַן קאָפּ . . . אַז טאָג און נאַכט איז נאָר ברידזש און ברידזש . . . איך זאָג אייך עס ברידזשעט שוין מיר אין קאָפּ פון דעם ברידזש. אַלץ וואָס מען הערט איז נאָר פּעס און סלעם — ווען מען קען עפּעס קרי־גען א פּ-פּ-פּעטען אויפצוהאַלטען די פרויען אין דער היים . . . יאָ, דאָס איז די איינציגע זאַך . . . א פּ-פּ-פּעטען . . . איך מוז עפּעס קויפען א פּ-פּ-פּעטען . . . עס מאַכט מיר ניט אויס וואָס דער פּ-פּ-פּעטען זאָל ניט זײַן אַבי איך זאָל קענען מאַכען א לעבען מײַן שוויגער וואָלט אייך שוין באַפרידיגט ווען איר קויפט אונז עפּעס א פּ-פּ-פּעטענדעל . . . מיט עפּעס א גוט פּ-פּ-פּעטענ־דעל וואָלטען מיר זיך געקענט ווי עס איז דורכשטופּען . . . עדיסאָן, זאָגט מײַן שוויגער, האָט געמאַכט א פײַן לעבען פון פּ-פּ-פּעטענס, וואָרום זאָלסטו זײַן א שלים מזל . . . קויף אייך עפּעס א פּ-פּ-פּעטען . . . איז זי טאַקי גערעכט . . . מען דאַרף נאָר האָבען מזל צו א פּ-פּ-פּעטען, דאָס אַלעס...איר הערט...

גיב נאָר א קוק . . . ער שלאָפט גאָר דער לאיער . . . איך רעד צו א מענשען וועגען פּ-פּ-פּעטענטס און ער שלאָפט . . .

אהרן ראזענבערג

טפו זאָל דאָס ווערן . . . א מענש כראָפּעט דאָס . . . ער כראָ־
פּעט נאָך העכער פון מיין שוויגער, כראָפּעט ער . . .

זי וויל אַ „דיוואָרס"

(די ליטוויטשקע וואָס קען ניט לעבען אָהן פלאָרידא)

זי האט זיך אריינגעוואָרפען אין אפיס — א וואָרף געטאָן זיך אויף א ווייכען טשער — א וואָרף געטאָן איר פאקעט בוך, וואָס איז געווען צי גרוים פון א קינד, אויף מיין דעסק — א וואָרף געטאָן מיטן קאָפּ אזוי דאָס די צוויי גרויסע אוירינגלאך, וועלכע זיינען ארונטערגעהאנגען ווי שענדעליערס פון אירע אויערען האבען זיך געשאקעלט ווי די גלעקער אין א קלויס־טער:

„איך וויל א דיוואָרס" — האָט זי א שאָט געטאָן א זשמעניע ווערטער אויף מיר — „נאר מאכט עס מיר סנעל—איך האב ניט קיין פעיסענס, האב איך ניט."

איר מויל איז געווען צועפענט ברייט ווי דער קראטער פון א ווואָלקאן, און די ווערטער זיינען ארויסגעקומען פון דאָרטען ווי א העלישער פלאם. די ליפען האבען געארבעט ווי אויף ספרינגס — און דער גאנצער פּנים אירער האָט אויסגעקוקט ווי א וואָל־קען פאַר א שטורם — מיט צוויי אויגען וועלכע האָבען ארוים־געשטאָרטשט ווי שאַרפע בליצען.

ווען איך בין איר מאן, האָב איך באלד א טראכט געטאָן וואָלט איך אזא פרוי ניט גע׳גט — איך וואָלט זי לכתחילה ניט געהייראט און וואלט זיך איינגעשפּארט א טרחה זי צו גטן.

„איר מוזט פויסט אָף אָל פארסטיין" — האט זי אנגעהויבען אויף איר ליטווישען אידיש, „דאס איך בין ניט קיין יאכנע — איך בין א פוירפעקטלע אמעריקאניזירטע פרוי — איך האָב ניט

קיין געשעפטען מיט די אידישע ווייבלאך וואס פארשטייען אב־שאלוט גאר ניט. איז, אזא פרוי ווי איך „רעספעקטעד" דאס דער מאן אירער זאל זי טריטען ווי אן אמעריקאנער דזענטעלמאן. אבער ניסט מיין מאן; ער ווייסט ניט ווי אזוי אפצוסעצען אן אמעריקאנער פרוי. אז ער האט ליב נאר אידים — גיט אים אידישע פייפערס . . . אידישע סאוס . . . אידישע לאדזעס און ער איז העפפי . . . איך האב עס פיינט . . . איך האב פיינט די קייקעסע זאכען . . . מיט מיין ענגלים . . . איך רעד א גאנץ ניסקאסעדיגען ענגליש, רעד איך... און מיט מיין פויסאנאלעטי און עקספרעסען קען איך באלאנגען מיט די דזענ־טיילס. וואס זאגט איר? און מיין סלים מזל לויפט נאר צו די אידען. האב איך פון דעם אליין אזוי פיל עגרעוויישאן, אז איך האט קיין באגריף ניט. האב איך סטענדיג מיט אים „ארגו־מענטס."

„דזאן די," בעט איך זיך בא אים . . . „איך רוף אים דזאן די . . . וויל דזאן ד. ראקעפעללער איז אין די אויל ביזנעס און מיינער האט א געזאלין סטייסאן — רוף איך אים דזאן די. בעט איך זיך בא אים — דזאן די, דאלינג — „ווי דאנצובילאנגינג טו די מייסאמס — אדער די דעמאקראטס?" איז כאטש לייגט אים אין דרערד — ניין און ניין. און דזאן די איז אן אקסען א מענץ. איז נאר ער לויפט צו די לאנדסמאנסאפט מיטינגס און נאר צו די אידישע לאדזעס . . . און ער וויל זיך ניט אמערי־קאניזירען.

איך האב סוין פרובירט מיט גוטען — איך האב פרובירט מיט סלעכטען — איך האב סוין קיין עין הרע צוויי סעט דיסעס צו־בראכען אויף זיין קאפ און עס העלפט גאר ניט . . . מיט אזא ווילדען מערדער דארף איך זיך מוצען אלע מיינע יונגע יארען

. . . וויפיל דיינקט איר בין איך אינגאנצען אַלט? ס'איז מיין מאַן און מיין עגרעוויסאַן וואָס האָט געמאַכט א תל פון מיין פעיסט . . . איך בין אינגאנצען זעקס-און-צוואַנציג יאָר אלט. פינסטער איז מיר, וואָס סי קען ווערען פון א מענצען, האַ? ווען דזאַן די האָט מיך באַגעגענט בין איך געווען בלוט און מילך — אָט די צוואנציג יאר פארהייראט לעבען האט בא מיר מיין יוגענט צו־גענומען און רואינירט מיין גאַנצען קאָמפּלעקסאָן. איז פאר דעם אַליין וואָלט מיר געדאַרפט קומען א דיוואָרס — נאָר דאָס איז גאר ניט מיט גאר ניט. הערט אבער וואס א מאן קען אויפ־טאן — אז איך דערמאן זיך אין דעם — ווערען מיינע נויווס ווי בייצען, ווערען זיי.

„איך האָב דאָך אייך געזאָגט, אַז מיין סלימאַזעל האָט א גע־זאַלין סטייסאָן. דאָס אַליין איז סוין גענוג. אַז אָך און אַז ווי, אַז איך האָב געדארפט נעמען א מאַן מיט א געזאַלין סטייסאָן. ערסטענס, סטאָם איך פון דעם סענסטען יחוס, סטאָם איך, מיין פאָטער איז געווען א נאָטארי פּובליק פאר אכט יאר צייט . . . ער האט געהאט דעם גרעסטען . . . פּעצאַט . . . האט ער גע־האַט. נו, און איך דארף פארסווארצט ווערען מיט געזאַלין, דארף איך פארסווארצט ווערען. נו, עס איז עפּסער אַזוי באַסערט. אר־בעט מיין דזאַן די דוקא ווי א האָרס. זייער א סווערער ארבע־טער. ער גיט מיר דוקא נאָך דעם סטריקעל . . . נאָר עס גייט מיר ניט איין . . . איך קען עס ניט ענדזויען . . . א מענץ זאָל זיין אַזוי גרין. איך האָב ליב, אַז אַ מאַן איז א דזענטעלמאַן און א ספּאָרט . . . איז דערפאר קומט פאר בא אונז אַזעלכע ביטערע קאָנ־ווערסייסאָנס און דערפאר מוז איך צוברעכען אזעלכע טייערע דיסעס.

„איצט וועל איך צוקומען צום רעכטען געדיכטען, ווי איר זאָגט. איך

זאג אים היינטיגס יאר: „דזאָן די, איך פאר קיין פלארידע, פאר איך . . . איך פאר אלע זומער אין קאנטרי . . . און ווינטער פאר איך אדער קיין פלארידע אדער קאליפאניע. איך מוז עס טאָן צוליב מיין סוואַכען געזונט. ווערט נאָר א צוטקעלע קאַלט הויב איך אן סניזען א סרעק. זאגט ער: פאר קיין פלארידע . . . עפּעס דאס מאל איז מיר ניט געפעלען געווארען ווי ער האט א זאג געטאן: „פאר קיין פלארידא" . . . אלע יאר טענה'ט ער אז מיר קענען ניט אפאָדערען אז איך זאָל פאָרען. נו, וואָס-זשע טו איך אַלע יאָר? . . . כאלעס איך גלייך אַוועק . . . און איך פאָר... איך האָב זייער א סלעכטען נייטשור אויף כאַלעסען . . . נאָר אַבי וואָס, ניט פאר אייך גערעכט... פאַל איך אַוועק ווי אַ לאָקס און כאלעס . . . און היינטיגס מאל איז מיר מיין מאנדעלע געווען צו ענקסעז מיך ארויסצופּאַטערען . . קלער איך בא זיך . . „דער איז סאמטהינג ראטן אין ביזמארק" . . . מען דארף דעם אידען וואַטצען.

נאר פון דעסוועגען האב איך מיין טריפּ ניט אפּגעלייגט — בא מיר וואקייסאָן איז וואקייסאָן . . . האָב איך גענומען די טריין און בין אוועק געפארען קיין מיימעמי ביץ, פלארידא. און מיט דיר מיין טייערער דזאָן די, טראכט איך זיך, וועל איך זיך אָפּרעכענען ספּעטער, ווען איך וועל קומען פון פלאָרידע."

„וואָס זאָל איך אייך זאָגען . . . דעם מאָל האָב איך זיך שוין גאר ניט ענדזויעט אין פלארידע. איך האב דוקה געקויפט די סענסטע און די בעסטע קליידער. מיין ביידינג סוט אליין האָט מיך אפּגעקאסט א פארצון — אזא ביידינג שוט איז דאס געווען . . . עס איז עפּעס געווען א קאמביניישאן פון סילק מיט וואטער פּרוף מאטעריאל איז דאס געווען . . . אויסגעסניטען פון פארענט און מיט א ווי סייפּ אין די בעק . . . עס איז געווען איינער פון די

סענסטעביידינג שוטס אופן ביץ . . . מיט אזא סוטעלע גייט מען זיך ניט באדען נאר מען ספאצירט אופן ביץ . . .

איז א צרה מיט די מענער דארט אין פלארידע . . . זייער ניט קיין אנסטענדיגע . . . אז נאר זיי האלטען אין איין קוקען . . . נאר זיי האלטען אין איין קוקען אויף די איינגעצקטע מיידלאך מיט די סיינע סייפס . . . עס איז א חרפה און אַ סאַנדע, זאָג איך אייך . . . נאָר זיי האַלטען אין איין קוקען אויף די צוצעקלאך דאָרט. נו, און באדען זיך האב איך פיינט, האב איך א ספיי געטאן אויף דער גאנצער מיימעמי ביץ און איך פאר מיר א היים. ערסטענס האב איך טאקי זעהר געוואלט סופרייזען מיין דזאַן די . . . האב איך אים אפילו קיין טעלעגראמע ניט געסיקט אז איך קום . . . און צווייטענס האב איך טאקי געוואלט וויסען וואס טוט מיין מאַנדעלע, אַז איך בין אין פלאָרידע? ער איז עפּעס געווען, ווייזט זיך מיר אוים צו ענקסעז דעם מאל אז איך זאל פארען קיין פלא־רידע.

איך קום א היים — ניטא דזאַן די. פרעג איך בא די סכיינעס וואו איז ער?—זאגען זיי מיר אז ער איז אוועק געגאנגען צו א אידיסער סאָו . . . האָב איך סוין פארסטאַנען וואו דער הונט ליגט באַגראָבען . . . אַ מאַן גייט ניט צו קיין סאָו אַליין. ווי זאָגט איר? ער האט עמיצען באם זייט, טראכט איך זיך. איך מוז סוין אינוועסטיגייטען די קיים. מאַך איך ניט קיינע טענות און איך נעם אַ טעקסי און פאָר אין אידיסען טעאַטער . . . נו, וויל מיך דער דאָרקיפער פון טעאַטער ניט אריינלאָזען . . . ערס־טענס, זאגט ער, ספילט מען סוין דעם צווייטען אקט — הייסט ער מיר זיין סטיל . . . און צווייטענס, איז אָן א טיקעט לאָזט מען דאָ ניט אַריין. איך דערצייל אים אַז דאָ איז מיין מאַן מיט איר, מיט זיין סוויטהאַרט און איך מוז זיי אַרויסלעפען פון דאַ־

נען . . . און ער האָט זיך איינגעשפּאַרט אז ניט . . . איז אַן דיסעם בין איך אזוי ווי אַן הענט . . . אין דער היים וואָלט איך אים דערלאנגט מיט א פּיצער אדער מיט א קאַפּע פּוירקאַליטער — און דא גאר ניט. נאר פונדעסטוועגן האב איך ניט געשוויגן . . . און איך בין אים ארײנגעפאַרען מיט די הענט אז אלע באַ־טאַנס זיינען אים אראָפּגעפלויגן פון זיין ניוניפאָרמע.

איך גיי מיר ארײַן אין טעאַטער און ס'איז דאָרט גאַנץ פּריי־לאך. דער טעאַטער איז געפּאַקט מיט מענטשן. און די עקטערס ספּילען אופן סטיידזש. איך האב זיך אבער מיינס אין זינען . . . איך זוך דזשאַן די — מיט איר . . .

דערוויל סטייט אויפן סטיידזש א ניעקטער און סרייט צו א צווייטען ניעקטער ווי ניט מיט זיין קול: „גיב מיר צוריק מיין ווייב — די מוטער פון מיינע קינדער — גיסטו מיר ניט מיין ווייב סים איך דיך ווי א כלב . . . וואו איז מיין ווייב?״

„אָט איז זי״ האב איך א געסריי געטאָן. איך האב דערזען מיין מאַן מיט א בלאַנדער זיצען אין פערטען ראָ . . . און איך פארליר ניט קיין טאַים און איך גיב זיך א וואָרף אויף איר . . . און די ערסטע זאך גיב איך איר א ספּיי אין פּנים אז איך האב איר סיר דערטרונקען. . . און דא לאַכען די מענטשן פון טע־אַטער . . . זיי האבען הפּנים געמיינט אז די סצענע באַלאַנגט צו דער שאָו . . . לאַכען זיי די אידיאָטען און פּאַטשען . . . זיי פּאַטשען מיט די הענט און סרייען . . . „אַטאַ בעיבי, גיוו איט טו הויר״ און איך פּאַטש איר אין פּנים אז עס גייט א רויך . . . עפּעס איז די גאַנצע געסיכטע אזוי שנעל פארגעקומען . . . אז אנעסט טו גודנעס . . . עס איז עפּעס געווען ווי א חלום . . . פּלוצים גיט זיך א הויב א געזונטער הויכער מאַן וואס איז געזע־סען אויף דער צווייטער זייט פון דער בלאַנדער און גיט מיר א

קנאק אין פּעיסט אז דער רעכטער אויער האט בא מיר אנגע־הויבען פּייפען. „וואס ווילט איר פון מיין ווייב?" האט זיך דער הויכער צוסריען. איר פארשטייט די געסיכטע — דארף איך ווי־סען אז עס איז גאַר זיין ווייב— און אז מיין סלימאזעל האַט גראד געהאַט זיין סיט ארום איר.

וואס זאל איך אייך זאגען . . . דער געזונטער מאן אירער האט מיך ארויסגעסלעפּט אין לאבי און האט מיך צופּאצט ווי איך בין גרויס . . . איר פארשטייט מיין פארדראס . . . יענער סלאַגט מיך און קאַליעצעט מיך און מיינער סטייט אזוי ווי אין א . . . א הינער פלעט . . . און זאַגט אפילו קיין וואַרט ניט. סטייט אזוי ווי א באַק — בלאַס ווי די וואַנט. דו ווילסט ניט סלאַגען אויף צוריק, דו האַסט מורא — סריי אויף אים — גיב א טופּע מיטן פוס אויף אים. איך זאג אייך אז איך בין סיר ניט פארברענט געווארען פאר סאנדע.

אהיים האַב איך סוין ניט געקענט גיין. מען האַט סוין מיך געפירט אין אַן ענוועלאפּ פון א האספּיטאל . . . איר הערט . . . די סאנדע איז מיר געוועזן ערגער פון די קלעפּ . . . פרעג איך אייך, וואַלט אַן אַמעריקאנער מאַן א ספּאַרט, געסטאַנען בא דער זייט ווען עמיצער סלאַגט זיין פרוי און געסוויגען? צימפּאַסיבל, ער וואַלט דאַך אַזאַ בויאַן צוריסען ווי אַ הערינג, וואַלט ער אים דאַך.

איז דערפאר האב איך באסלאסען איין מאל פאר אלעמאל . . . נאַ מאַ . . . עס האַט סוין בא מיר געפלאַצט דאַס געדולד, האַט בא מיר געפלאצט . . . איך וועל ניט גיין סאפּערען אלע מיי־נע יארען מיט א סלימאזעל . . . איז דערפאר וויל איך א דיווארס . . . און מאכט עס סנעל . . . ווייל איך האב ניט קיין פּייסענס . . . און פארגעסט ניט קריגט מיר פּלענטי נעלימאני ווייל איך

אהרן ראזענבערג

דארף האבען א ראסיען סייבעל קאוט און איך מוז אוועק פארען קיין סאראטאגע ספרינגס . . עפסער וועלען מיר דארט די בעדער העלפען. אַט דער בלאַנדע׳ס מאַנדעל, א ווייטיג אים אין די הענט, האַט מיר מיינע ביינער אזוי צובראָכען אַז איך קען צו זיך ניט קומען . . . א נאַיוועז רעק האָט ער פון מיר געמאכט . . . אַט זעט . . . איך גיי באַלד כאַלעסען . . . אַזאַ נעיצור האָב איך.

ארקע בּונטשיק דער „רענדלער״

(דער היימישער רעוואָלוציאָנער וואָס האָט פיינט קאמוניסטען)

איר האט ליב דעם שמעק פון קנאָבעל? . . . איך ניט, איך קען אפילו ניט דולדען א בילד פון א קנאָבעל געמאָלען פון א גרויסען קינסטלער. דער אויבערשטער זאָל מיך אפּהיטען פון דעם ארא־מאט פון א ציבעלע, אדער א קנאבעל.

צווישען מיינע קליענטען האָב איך אויך א קנאָבעלדיגען קלי־ענט. עס מאכט ניט אוים צי ער קומט מיך באזוכען אין דער פרי, צי בייטאג, איז ער שוין א דורכגעזאפּטער, דורך און דורך, מיט קנאָבעל. זיין גאנצער וועזען איז דורכגעדרונגען מיט דעם גע־רוך פון קנאָבעל. ווען ניט די פארשאָלטענע פאָר דאלער וואָס איך קריג פון אים . . . אויך ניט גאנץ אָפט . . . איז אָדער איך וואָלט אנטלאָפען פון מיין אָפים ווען ער קומט אריין, אָדער איך וואָלט אים ארויסגעוואָרפען דורכן פענסטער. עס רעדט זיך גרינג . . .ארויסווארפען פון פענסטער . . . ערשטענס איז ארקע בונטשיק, דער בונדיסט, ווי ער אליין האָט זיך ליב צו רופען, דריי מאָל אזוי גרויס ווי איך. מיט איין לאַפּע זיינער וואָלט ער מיך געקאָנט משלח זיין פון דער וועלט . . . און צווייטענס, ווי אזוי וואָלט איך אים געקענט ארויסווארפען, אז איך האָב קיינ־מאָל ניט געקענט צוטרעטען נאָענט צו אים . . . ווייל דער קנאָ־בעל עפּוש איז געווען אזוי שטאַרק דאָס מען האָט אין זיינע ד׳אמות ניט געקענט שטיין.

מר. בונטשיק איז געווען גרויס געבויעט און זיין האַלז איז געווען גאר א גרויסער. און עס קען זיין, אז צוליב דער גרויס־

קיין און דיקייט פון זיין האַלז, האָט ער זיך געמוזט באַגיין אַהן אַ קראַגען . . . איך צווייפעל אויב עס איז נאָך ווען עס איז פּראָ־דוצירט געוואָרען אַ קראַגען גרויס גענוג ארומצונעמען זיין האַלז. ווען ער פלעגט קומען צו מיר אין אָפיס איז ער געווען אַ צו־בראַסטעטער, אַ צוקנעפּעלטער און אויך אַ צוגעקנאָבעלטער.

קייסעס האָט ער געהאַט גאַנץ אָפט, ווייל ער האָט געהאַט אַ סך „פּראָפּעטקעס," איז דעם „טענער" דאַרף מען קלאָגען פאַר רענט . . . דעם דאַרף מען מאַכען צו מופען . . . און דאָ מאַכט די „באָרד אָף העל" אַ „וויאָלײשאָן" ווייל ער האָט די „הייזקעס" ניט געהאַלטען אַזוי ריין, אָדער ער האָט ניט געהאַט די פּאַסענדע קענס צו האַלטען דאָס מיסט.

„אַ רענדלער האָט שטענדיג טראָבעל," פלעגט זיך בונטשיק דער בונדיסט שטענדיג קלאָגען פאַר מיר. „עס לוינט זיך ניט אין גאַנצען דאָס „רענדלעריי." אַז אָך און אַז וויי," פלעגט ער אַ זיפץ טאָן אַזוי, אַז דער קנאָבעל אַראַמאַט פלעגט מיר אַזאַ זעץ טאָן אין פּנים, דאָס איך בין שיעור ניט געפאַלען אין חלשות. „אַז אָך און אַז וויי, אַז איך דאַרף דאָ זיין אַ „רענדלער" און האָ־בען צו טאָן מיט שמוציקע אָרימע „טענערס." דאָרט אין דער היים, אין רוסלאַנד, האָב איך זיך מיט „רענדלעריי" ניט גע־דאַרפט פאַרנעמען, דאָרטען בין איך געווען אַ ראַדיקאַל, אַ בונ־דיסט. איר ווייסט וואָס אַ בונדיסט איז אין רוסלאַנד? די צרה מיט אייך אַמעריקאַנער לאַיערס איז וואָס איר פאַרשטייט גאָר ניט אין אַזעלכע זאַכען, אַניט וואָלט איר געהאַט מער רעספּעקט פאַר אונז בונדיסטען. מיר בונדיסטען האָבען „געפאַיט" פאַר פרייהייט אין דער „אָלד קאָנטרי." דער צאַר איז בא אונז גע־ווען טריף ווי חזר. מיר האָבען פיינט געהאַט די פּאָליציי מיט דער גאַנצער נאַטשאַלסטוואָ. אַז עס פלעגט קומען יום כפור

פלעגט די יונגוואַרג, די בונדיסטען, זיך אַוועקשטעלען פאַר דער שול, און האָבען געגעסען טרפה'נע קאָלבאַסען און חלב. אַ פריינט מיינער איז געווען אַזאַ איבערגעגעבענער בונדיסט, אַז ער פלעגט אויפעסען אַ האַלבען טוצען יום כפור'דיגע ליכט. דאָס טוען מענשען וואָס ווילען זיך מקריב זיין געגען „לעריגיע." מיינע בונדיסטישע פרינציפען זיינען געווען נאָך שטאַרקער און זיי האָבען מיך געפירט נאָך ווייטער. איך בין מיט פוסטיאַקעס, מיט קליינינקייטען ניט אָפּגעקומען. איך פלעג כאַפּען דעם חזן ווען ער איז געגאַנגען פון מרחץ ערב יום כפור און אַזוי אים צוקאַרדאַשעווען אין אַ פינסטער ווינקעל דאָס ווען ער האָט געזאָגט כל נדרי האָט ער אַזוי געאַויקעט און געקרעכצט, פשוט פאַר ווייטאַג, אַז די שוואַנגעריגע פרויען אין דער ווייבערשער שול פלעגען חלש'ן, אָדער פלעגען אין גאַנצען מפּיל זיין פאַר שרעק . . . אַזאַ אַרבעט פלעגען מיר בונדיסטען אויפטאָן.

מיר בונדיסטען פלעגען זיך אויך אָפּגעבען מיט קולטור. עס איז ניט דורכגעגאַנגען די וואָך וואָס איך פלעג ניט גיין הערען פושקין'ען זינגען. איר שפּילט זיך מיט אים. עס איז שוין געווען איין מאָל אַ פושקין, ער האָט נאָך געהאַט אַ פיינערע שטימע ווי פאַדערעווסקי, עליו השלום. היינט פלעגען מיר נאָר האַלטען אין איין לייענען גוטע קולטור . . . באַ אייך רופט מען עס עפּעס אַנדערש . . . טיטעלעראַטור . . . אַזוי דאַכט זיך מיר . . . שעקספּיר איז שעקספּיר . . . דוד המלך איז דוד המלך . . . מיר זיינען ניט געווען קיין גרויסע איבערקלייבער. מען האָט געקענט פלאַצען, אָבער מען האָט געמוזט לייענען. איך אַליין, ניט פאַר אייך געדאַכט, בין דוקא געווען גאַנץ שוואַך אויף דעם לייענען. צום מיינסטען האָב איך געלייענט ראָמאַנען פון עפּעס אַ שרייבער משר צו שמר, איך געדענק שוין ניט. ער איז געווען אַ

גוטער שרייבער. ער פלעגט סמאַליען מיט ליבעס אַט דער שמר. נאָר באַ אונז אין שטעטעל איז זייער שווער געווען צו קריגען זיינע ראָמאַנען. נו, אַז איך האָב ניט געהאַט קיין ראָמאַן פלעג איך זיך צוכאַפּען צו מיין מאַמע'ס תחינה אָדער צו איר אַלטען טייטש-חומש . . . עס איז די סעים טינג . . . ס'דאָך אויך גע־שריבען אין אידיש.

קיין גרויסער רעדנער בין איך דאַמאָלט, ניט פאַר אייך געדאַכט, אויך ניט געווען, נאָר איך בין געווען באַקאַנט אַלס איינער פון די בעסטע און גרעסטע בונדיסטען. ווייל יונגערהייט האָב איך געהאַט אַ סך טאַלאַנט צום שלאָגען זיך. און אַז איך פלעג עמיצען דערלאַנגען אַ כמאַל האָט מען זיך גלייך געשטעלט און מען האָט אָפּגעזאָגט קדיש נאָך אים. קיין לויה האָט מען ניט געדאַרפט, ווייל עס איז ניט פאַרבליבען וואָס מקבר צו זיין . . . אַזוי ראַדיקאַל בין איך געווען אין יענער צייט.

„און אפילו איצט, גאָט צו דאַנקען, בין איך נאָך אויך גאַנץ ראַדיקאַל . . . איך וואָלט נאָך איצט אויך געקענט צורייבען אַן אַמעריקאַנעם פּאָליסמאַן . . . איך וואָלט פון דעם פּאָליסמאַן מיט זיין פערדעל נאָך איצט אויך געקענט מאַכען אַ טשאָפּ סואי . . . נאָר צו וואָס זאָל איך זיך טשעפּען צו אַמעריקאַנער פּאָליסלייט? וואָס האָב איך צו זיי? . . . וואָס פאַר אַ שלעכטס טוען זיי? . . . טאָמער צוקלאַפּען זיי אַרבעטער די קעפּ איז דאָס ניט מיין דאגה . . . נו, אַז זיי ברעכען סטרייקס וואָס גייט עס מיר אָן? . . . אַבי זיי לאָזען צופרידען די „רענדלערס" . . . ווען די באָנ־דיטען דערלאַנגען מיר אַ„סאָמעדזש" צו גייען אין קאָרט פאַר „גאַבעדזש", עקסקיוז מי, דאַמאָלסט הויבט אין מיר אָן זידען מיין ראַדיקאַל בלוט . . . אָבער איך האַלט זיך איין . . . מען איז דאָך אין גלות . . . מען איז דאָך אין אַמעריקע . . . וואָס וועל

איך גיין זיך איינרייסען מיט אים? . . . אין דעם פארשאָלטענעם לאַנד טאָר מען דאָך ניט זיין קיין ראַדיקאל . . . מען דאַרף אפילו פארגעסען אַז מען איז אמאָל געווען א בונדיסט . . . אַז ניט שרייט מען באלד, אז מען איז א קאָמוניסט . . . און איך האָב פיינט קאָמוניסטען אזוי ווי חזור, האָב איך זיי פיינט! . . . וואָס ווילען זיי די רויטע, וואס? . . . זיי פארגינען אייך דעם לעבען ניט, די חברה . . . עס ברענט זיי, וואָס זיי קענען ניט זיין „רענדלערס,״ ברענט זיי . . . ״

פילע מענשען, קען זיין, וועלען מיר ניט גלויבען אז לאָיערס זיינען פון דער נאַטור גרויסע טרוימערס . . . אַ לאָיער קען זיך אָוועקזעצען אין מיטען העלען טאָג, עס הייסט ווען עס זיינען ניטאָ קיין קליענטען, און טרוימען. פון וואָס טרוימט א לאָיער? טרוימט ער אפשר פון א בעסערער געזעלשאַפטליכער אָרדע־נונג? . . . אָדער חלומ׳ט ער אפשר פון א בעסערער וועלט וואו מען וואָלט אין גאַנצען זיך באַגאנגען אָהן לאָיערס? . . . חס ושלום . . . וואָס אייך קען איינפאַלען . . . אַ לאָיער אויב ער טרוימט . . . טרוימט ער זייער פראַקטיש . . . אָט עפענט זיך די טיר פון זיין אָפיס, טרוימט ער וואכענדיגערהייט, און עס קומט אַריין העגרי פאָרד, אָדער איינער פון די דופאָנט „באָיס״ און פרעגט דעם לאָיער צו ער האָט צייט זיך אונטערנעמען צו רעפּרעזענטירען זיין פירמע. מילא צוליב די „פיעס,״ צוליב דער שכר טרחה, וועט מען צו מענשען ניט דארפען גיין. מער אַ מיליאָן אָדער ווינציגער א מיליאָן . . . מען וועט זיך איה״ש אויסגלייכען.

אַזאַ נאָבעלען חלום האָב איך אויך געחלומ׳ט דעם טאָג. איך האָב זיך צוגעגרייט צו פירען א גאַנץ אינטערעסאנטען גע־שפּרעך מיט דזשיי. פּ. מאָרגאן . . . און עס עפענט זיך די טיר

און עס קומט אריין . . . ארקע בונטשיק דער קאַבעלער בונדיסט.

„איך וויל אים פארשיקען קיין סימביר, ווייל איך אים פארשיקען, דעם באנדיט,״ איז ער גלייך צוגעטראָטען צום ענין. „א ראַדיקאל איז ער, דער פארך? . . . ער איז אזוי א ראַדיקאל ווי איר זיינט . . . דער בחור וועגט סך הכל הונדערט מיט דרייסיג פונט, איז ער א ראַדיקאל. א ראַדיקאל מוז האָבען „פּאַנטש״ . . . א ראַדיקאל דארף קענען דערלאַנגען. אז ניט, איז ער ניט קיין ראַדיקאל.״

„פון וועמען רעדט איר דאָס, מר. בונטשיק?״ האָב איך אים איבערגעשלאָגען די רייד, ווייל איך בין אויף אים געווען זייער אויפגעבראכט. וואָס הייסט . . . איך האָב זיך געגרייט אויפצונעמען בא מיר אין אָפּיס מאָרגאַן׳ען, זאָל זיין אין פאנטאזיע . . . קומט דער „בונדיסט״ און הרג׳עט מיר אוועק אזא טייערען חלום . . .

„וואָס הייסט פון וועמען איך רעד? איך האָב דאָך געהאַקטע צרות פון דעם „טענער״ פון מיינעם, דעם קאָמוניסט, דעם קאָהענדעל. ער טרעט דאָך מיר אויפ׳ן קאָפּ. אזא חברה־מאן מוזט איר פארשיקען קיין „סימביר,״ ניט אנדערש. מיך האָט מען געמעגט שיקען קיין סימביר און אים ניט? וואָס פאר א מיוחס איז ער? . . . שא, איך האָב אייך אמאָל דערציילט פארוואָס מען האָט מיך געשיקט קיין סימביר? ס׳איז אן „אינטערעסטינג סטאָרי,״ איז דאָס. ס׳איז כדאי צו הערען.

„איך האָב דאָך אייך שוין דערציילט וואָס פאר א ראַדיקאַלער בונדיסט איך בין געווען אין מיינע יונגע יאָרען אין רוסלאנד. די אַלע יונגע סטודענטען און סטודענטקעס, די בונדיסטען, פלעגען זיך צונויפקלייבען בא מיר אין הויז און פארברייננגען.

מען האָט געלעזען, מען האָט דעבאַטירט און געזונגען ראַדי־קאַלע לידער. בײַ מיר אין הויז זײַנען שטענדיק געלעגען ביכלאַך און פּאַפּירן . . .

„אַזוי ווי לעזען האָב איך, ניט פאַר אײַך געדאַכט, זייער ווײַניק געקענט, עס הייסט מען קען זאָגן, כמעט גאָרניט געקענט, פלעג איך שטיין בײַ דער טיר און היטן, און טאָמער איז עמי־צער, אַ פאַרדעכטיקער צוגעקומען נאָענט צום הויז, פלעג איך זיי געבן אַ סיגנאַל . . . און באַסטאַ . . . אוים ביכער . . .

„עפּעס איין טאָג האָבן זיך אַרײַנגעבראָכן צו אונז אין הויז אַ גאַנצער „באַנטש" מיט קאָזאַקן. זיי האָבן געזוכט און גע־נישטערט און זיי האָבן די ביכער געפונען. האָבן זיי מיך גענומען אויפן צימבעל. וואָס האָסטו צו טאָן מיט קאַרל מאַרקס'ן? איז געווען זייער ערשטע פראַגע. וואָס פאַר אַ מאַקס, ווען מאַקס . . . אַז איך האָב דעם לץ קיינמאָל ניט געזען און אפילו פון אים ניט געהערט . . . איך שווער זיך בײַ טלית און תפילין אַז איך האָב אויף דעם מאַרקסען אפילו קיין האַנט ניט אויפגעהויבן . . . און איך שווער אײַך אַזוי ווי מיר האָבן טאַקי הײַנט מיטוואָך איבער דער גאָרער וועלט, אַז איך האָב דעם מאַרקסען ניט געטשעפּעט . . . איך האָב עפּעס יאָ צוקאַרדאַשע־וועט אַ קאַצאַפּ יענע וואָך . . . נאָר זײַן נאָמען איז געווען פעד־קאָ, איז אַזוי ווי איר הערט, עס האָט ניט געהאָלפן קיינע טענות און מען האָט מיך אומשולדיקערהייט פאַרשיקט קיין סימביר, און אַזאַ בחור'על ווי דער קאַהען, דער קאָמוניסט, דאַרף זיך אַרומ־דרייען אויף דער פרײַ . . .

„וואָס האָט איר צו דעם קאַהען'ען?" האָב איך אים געפרעגט.

„וואָס הייסט וואָס האָב איך צו אים . . . ער האָט דאָך מיר רואינירט אַ פלעט, האָט ער מיר רואינירט. איך גיב אים דרײַ

רומס, טאַקי ניט קיין גרויסע רומס, אָבער גאַנץ וואַרעמע, ווייל זיי האָבען כמעט ניט קיין פענסטער. נו, צאָלט ער מיר דער קבצן׳יאַק פינף־און־דרייסיג דאלער א מאָנאַט. אנומעלטען זע איך, מען שטעלט אים אריין א פיאנא אין הויז . . . טאַקי אַן אלטע פיאנא, נאָר פאָרט א פיאנא . . . קלער איך זיך, וואָס עפּעס אינ־מיטען דערינען פיאנעס? וואָס האט ער זיך עפּעס צושפּילט, מיין קאָמוניסטל? מען שלאָגט אידען אין דייטשלאנד און אין פוילען; און ער קויפט גאָר פיאנאס . . . בין איך געוואָרען אין כעס און איך האָב אים „געריזט” די רענט אויף פינף־און־פערציג דא־לער. סטראשעט ער מיך, אז ער וועט מופען. מופט, זאג איך אים. מוף, און ווער דער׳הרג׳עט מיט דיין פיאנא אין איינעם . . . ווייסט איר וואָס דער קאָמוניסט טוט מיר אָפּ? ער מופט ארויס און צודראפּעט מיר דעם פעינט מיט דעם וואַנט־פּאַפּיר פון די ווענט אזוי, אַז איך האָב מיין פלעטעל ניט דערקענט . . . באשר די חברה וואָס האָבען געמופט די מעבעל האָבען צוסקרעטשט די ווענט ווען זיי האָבען געמופט די פיאנא . . . איז ווענעם דאגה איז דאָס ווער עס האָט צוסקרעטשט . . דו האָסט געוואוינט אין פלעט . . . באצאָל פאר די דעמעדזשעס . . . זיינען דאָך אָבער די קאָמוניסטלאך איינגעשפּאַרטע, צאָלט ער ניט.

„קום איך ערשט פון פראָסעקיוטינג אטוירני . . . איך האָב זיך געווענדעט צו אים ער זאָל דעם קאָמוניסטעל אַרעסטירען; זיץ איך מיר אזוי און וואַרט באם פראָסעקיוטאָר אין אָפּיס, אַז מען זאָל דעם קאָמוניסטעל אַריינברענגען. זיץ איך און וואַרט. איך גיב א קוק, איז מיר פינסטער געוואָרען אין די אויגען . . . עס קומט אריין דער קאָמוניסטל אהן קייטען . . . איך האָב גע־רעכענט, אז מען וועט אים מיר אריינברענגען אין קייטען אזוי ווי מען האָט דאַמאָלסט געטאָן מיר פאר הרג׳ענען קארל מאַקס׳ן

. . . און צום סוף קומט ער אריין א פריילעכער און פייפט זיך מיר אונטער „אַ טיסקעט א טעסקעט.״ מיין גאַל האָט מיר שיעור ניט געפּלאַצט . . . איז הערט איר א העזה פון דעם פּראָ־סעקיוטאָר . . . נאכער ווען איך דערצייל אים די גאנצע מעשה ווי אזוי דער קאמוניסטעל האָט מיך געשטעלט בדיל הדל, זאָגט ער מיר, אז ער קאָן גאָר ניט טאָן פון מיינעט וועגן . . . עס איז א ציווילנע קעיס, און ער הייסט מיר גיין צו א לאָיער.

„נו, איז אויב טאקי, אז ס׳איז א ציווילנע קעיס, וויל איך איר זאָלט אים פארשיקען קיין סימביר אָט דעם קאָמוניסטעל, דעם קבצניאק . . . און אויב ניט קיין סימביר שיקט מיר אים אָמ־וויניגסטענס אויף דעם אלקאטארזשנע אינזעל, דאָרטען וואו אַל קאפּאָן איז . . . זאָל ער וויסען אז ער האָט זיך אנגעפאנגען מיט ארקע בונטשיק, דעם בונדיסט, זאָל ער וויסען . . .

„אנעסט דזשייק"

(דער איד מיט רחמנות וואָס מאַכט טריפּהינע געשעפטען)

„אַט ווי איר קוקט מיך אָן בין איך באַקאַנט איבער דער גאַנ־צער שטאָדט אַלס „אָנעסט דזשייק," יאַנקעל דער ערליכער. און מאָלט אייך אַז איך בין אין אַזאַ פּרנסה, אין וועלכער ס'איז שווער צו זיין ערליך. איר ווייסט דאָך, איך בין אין די „סעקאָנד העַנד" ביזנעס, בין איך. נו, גיי זיי ערליך אין אַזאַ ביזנעס. ס'איז פּשוט אומעגליך, נאָר ניט „אָנעסט דזשייק." בּאַ מיר מוז אַלעס געפירט ווערען אויף אַן ערליכען, מענשליכען אופן. — ווי זאָגט דער אַמעריקאַנער . . . ליוו ענד לעט ליוו — לעב און לאָז לעבען.

„עס קומט אַריין, למשל, אַ יונגער מאַן, לאָמיר זאָגען, מיט אַ טייפּרייטער מאַשין, נאָך אַ גאַנץ נישקשה'דיגע מאַשינדעל. מען קען ניט זאָגען אַז די מאַשין איז אינגאַנצען ניי, זי איז אָבער ניט אַלט אויך. דער בחור וויל דעם טייפּרייטער פאַרקויפען, ער שטאַרבט . . . אַ נייע איז אַזאַ מאַשינדעל ווערט זיבעציג דאַ־לער. נו, גיי גיב אים ניט קיין דריי דאָלער פאַר אַזאַ מאַשין. ס'איז דאָך אַ מציאה פאַר אַ גנב, איז דאָך עס .

„ווען איר דאָך זאָגען אפשר איז דאָס אַ גע'גנב'עטער טייפּ־רייטער, נו, רעדט איר דאָך ווי אַ געניטער לאָיער. דאָ איז דאָך אָבער ניט די פראַגע צי אַ גע'גנב'עטער צי אַן אייגענער. איר פאַרשטייט, דאָ איז אַ גאַנץ אַנדערער געדאַנק. דאָ איז דער גע־דאַנק פון רחמנות, פאַרשטייט איר מיך. רחמנות שטייט העַ־כער פון אַלץ. ערשטענס איז די מאַשינקע נאָך כמעט אַ ניי;

טאקי. נאָר דאָס איז ניט די וויכטיגע פראַגע בא מיר. בא מיר, בא „אנעסט דזשייק" איז די פראַגע אזא: עס קען זיין אז דער מאן דאַרף האָבען די דריי דאלער; קען זיין, דער מאן האָט א פרוי מיט פיר, פינף קינדער, און די רענט איז ניט באצאָלט און קיין קוילען זענען דאָך געווים ניטאָ. נו, גיי לאָז ארויס אזא אומגליקלאכען מענשען אהן דריי דאלער, ס'איז דאָך א סקאַנדאל.

„איז אָט אזוי ווי איר זעט, אזוי פיר איך זיך אויף מיין גאַנץ לעבען. איך האָב פיינט דריידלאך. און זעט איר, גאָט העלפט טאקי דעם ערליכען און פרומען. ווייל גאָט שיקט מיר טאקי צו א קונה נאָך דעם זעלבען טאָג און איך פארקויף אים דעם טייפּ־רייטער פאר דרייסיג דאלער. אזוי טוט גאָט, ער גיט אָפּ כופל כופלים. נאַדיר, זאָגט ער —דיין גוט הארץ האָט ארויסגעהאָלפען א פאַמיליע מיט פיר אָדער פינף קינדער, זיי זאָלען חלילה ניט ארויסגעוואָרפען ווערען אויף דער גאַס, נאַדיר, זאָגט דער אויבערשטער, דרייסיג.

איך וואָלט דוקה פאר דער מאַשינדעל געקאָנט קריגען די גאַנצע פערציג דאלער, ווייל מען קען זאָגען דאָס איז נאָך גע־ווען א שפּאָגעל נייע כלי, איך ווייס אפילו ניט צי מען האָט זי גענוצט. האָב איך דאָך אייך געזאָגט אז איך גלויב אין דעם אַמעריקאַנער פרינציפּ — לעב און לאָז לעבען. זאָל לואי „דזשיפּ" אויך מאכען א פּאָר דאלער . . . דער מענש באַדערט זאך מיט דעם . . . ער נעמט א טשענס . . . ער פירט עס ארויס פון שטאָדט אין די מרחקים ערגעץ . . . איר פארשטייט, לואי דזשיפּ, וואָס קויפט בא מיר די דאָזיגע וואַרע איז שוין א חברה מאַן מיט גענוג עקספּיריענס . . . ער איז שוין ניט איין מאָל גע־זעסען אין דזשייל . . . האָט ער דאָך מורא . . . טאָמער . . . טאָמער איז דאָס א געלקהנטס . . . נו, איר ווייסט דאָך, אז מען

בריט זאָך אָפּ אויף הייסען בלאָזט מען אויף קאַלטען . . . נו, דער מאַן טרווידיעט זיך, קלער איך, זאל ער אויך מאַכען א צענערעל.

ווען איך לאָז דאָס שטיין אין געשעפט, דאָס מאַשינדעל, איז קען זיין, וואָלט איך אליין געמאַכט דאָס צענערעל. און איך, אַז איך מאַך אַן עקסטרא צענערעל, מיינט איר אז איך לייג עס אריין אין דער באַנק און קיינער זאָל פון דעם ניט הנאה האָבען. ניט „אָנעסט דזשייק". איז אָדער איך גיי מיר אין שול און באַצאָל א פּאָר דאָלער פאַר אַן עליה אָדער איך קויף א פלעשעל כרמל וויין . . . זאָלען די אָרימע חלוצים אין פּאַלעסטינא אויך הנאה האָבען . . . קאָרג בלוט פאַרגיסען זיי דאָרטען אין ארץ ישראל?

נאָר גיי האַלט דאָס מאַשינדעל . . . אַז היינט אָדער מאָרגען קען אריינקומען א שמש א זוך טאָן און אויף להכעיס דאָס געפינען. וואָס מיינט איר וויל דער פּאָליסמאַן? ער זוכט דעם טייפּרייטער, זוכט ער? אויף וואָס פאַר א שווארץ יאָר דאַרף ער א טייפּרייטער? . . . וואָס־זשע וויל ער? . . . ער וויל א פינפערעל, וויל ער . . . אָט אין אַזאַ מיאוס'ער וועלטעל לעבען מיר דאָס . . . מיינט איר דאָך אַז איך גיב אים ניט דעם פינ־פערעל? וואָס הייסט איך וועל אים ניט געבען? . . . שלעפּט זאָך ארום אַן ערל טאָג און נאַכט . . . א גוי איז זיך מקריב . . . ער היט מיך . . . אייך . . . אונזערע פאַמיליעס . . . מען זאָל אונז ניט באַראַבעווען . . . באַגזל'ענען . . . וועל איך אַזא ערל ניט געבען א פינפערעל? — נישט „אָנעסט דזשייק." בא מיר איז אַ פראַגע פון פּרינציפּ, אַז איך וויל ניט אַז יענער זאָל מיך היטען אומזיסט . . . יענער זאָל ריזיקירען זיין לעבען אומזיסט און אומנישט . . . וואָס איז ער — מיין טאַטענ'ס משרת, איז ער? אין אַזאַ פאַל איז קיין פינפערעל קיין געלט ניט. וואָס

זאָגט איר?

נאָר זעט איר, מיין שותף, מיין פּאַרטנער הייסט עס, איז שוין אַ גאַנץ אַנדערער מענש, אַ מענש אָהן אַ האַרץ. ער האָט אַ שטיין אויפן פּלאַץ פון אַ האַרץ. איך האָב שוין געזען מענשען שלעכ־טע, מענשען אָהן הערצער, נאָר אַזעלכס, זעט איר, האָב איך נאָך ניט געזען. יעדען פאַרדעכטיגט ער אַז ער איז אַ גנב. יעדע זאַך איז בא אים אַ גע'גנב'טע . . . „דזשייק!" האַלט ער אין איין שרייען, „קויף ניט דאָס מאַשינדעל, איך זאָג דיר אַז עס איז אַ טריפּס." „דזשייק! איך זאָג דיר, אַז דער „שחר" איז ערשט אַרויס פון חד גדיה, קויף בא אים ניט דעם קעש רעדזשיסטער! איר פאַרשטייט וואָס פאַר אַ רשע דאָס איז? נו, אַז דער שוואַר־צער איז ערשט אַרויס פון דזשייל דאַרף ער שוין קיין לעבען ניט מאַכען? אַז איך וועל בא אים ניט קויפען דעם קעש רע־דשיסטער און דער צווייטער וועט דאָס ביי אים ניט קויפען וועט ער דאָך אַוועקפאַלען אין גאַס פון הונגער. — און וואו זיינען די קינדער זיינע? טאַקי שוואַרצע, אַבער מענשען זיינען זיי דאָך, האַ?

גלאַט אַזוי אַרויסוואַרפען וועל איך אים ניט. ס'איז דאָך אַ רחמנות. ערשטענס איז ער נאָך כמעט אַ גרינער . . . ניט לאַנג אַנטלאָפען פון די פּוילישע פּאָגראָמען, און צווייטענס האָט ער דאָך אַ ווייב מיט קינדער. וואָס הייסט איך וועל אים אַרויס־וואַרפען אָהן גאַרניט, וואָס רעדט איר וואָס? ער האָט דאָך פאַרט אַריינגעלייגט דריי טויזענט דאָלער אין געשעפט ערשט מיט זעקס מאָנאַטען צוריק. מען דאַרף דאָך האָבען אַ האַרץ פון אַ היטלער אַזאַ זאַך צו טאָן.

ער רואינירט דאָך מיר פאַרט מיין געשעפט מיט זיינע נאַ־רישע גרינע וועגען. אַז נאָר ער האָט זאַך מורא. אַז דאָס איז

ניט שיין, און דאָס איז ניט ערליך, ווי אזוי־זשע קען מען מאַ־כען א לעבען?

איז דערפאר זאָג איך אייך, איך מוז פון אים פטור ווערען וואָס שנעלער. אָבער איך וויל אים ניט ארויסטרייבען חלילה. נאר וואס דען? — מען קען טאָן געשעפט, איר פארשטייט . . . אויב איר, אלס געניטער, ערליכער לאַיער קענט עפּעס א גע־ניטען פאָליסמאַן וואָס זאָל אים מיט עפּעס כאפּען בא דער האנט . . . איר ווייסט דאָך מיט עפּעס א נישט כשר׳דיג שטי־קעל ווארע . . . איך פון מיין זייט וואָלט שוין געזען, אז מען זאָל אים שוין יאָ כאַפּען . . . איז וואָלט עס געגאנגען א גאנג . .

דאמאָלסט וואָלט איך צו אים אזוי געזאָגט: מיין טייערער שותף . . . מיין דיער פּארטנער . . . אָדער גיי אין חד גדיה אריין אָדער נאָדיר צוויי הונדערט דאלער און גיי . . אוים פּארטנערס.

איר פארשטייט . . . אי איר וואָלט געמאכט א פיינע פּאָר דאלער און מיין שותף וואָלט אויך עפּעס געהאט פון דעם. איך וועל דאָך אים ניט גיין ארויסלאָזען מיט ליידיגע הענט, וועל איך דאָך ניט גיין . . . ער האָט דאָך א ווייב מיט קינדער . . . טאָ נאָדיר אויך צוויי הונדערט דאלער . . . אזא פּראקליאַטע נאַטור איז שוין בא מיר . . . לעב און לאז יענעם אויך לעבען. ס׳איז א הייליגער אמעריקאנער פּרינציפּ . . . וואָס זאָגט איר?

ער וועט „פייטען" דעם גט

(דער לאדזשן ברודער, וואָס חלשט נאָך פאַראַדען)

— ער איז א רויטער. ער האָט רויטע האָר, א רויטען פנים, רויטע זומער שפרינקעלאך, אפילו די ווייסעל פון די אויגען זייענען בא אים רויט. פיזיש איז מאַיק בראָנשטיין אינגאנצען א רויטער. פסיכאָלאָגיש איז ער שוין גאָר ניט קיין רויטער — זיין געדאַנקען־גאַנג איז א גאַנץ שוואַרצער, אַ רעאקציאָנערער.

קען זיין ווען די לינקע פאַרטייען און רויטע אָרגאניזאציעס וואָלטען געהאט מער פאראדען, מער צערעמאָניעס וואָלט מייק, טראָץ זיין קאָנסערוואטיווען בליק אויף וועלטליכע ענינים, געווען איינער פון די טעטיגסטע מיטגלידער אין אזעלכע אָרגאניזאציעס. ווייל מייק בראָנשטיין האָט ליב פאַראַדען, צערעמאָניעס, יוניפאָרמס, קנעפלאך און בעדזשעס. עס זיינען פאַראַן זייער ווינציק אָרגאניזאציעס, וועלכע גיבען זיך אָפ מיט ריטואלע און צערעמאָניאלע מנהגים, אין וועלכע מאַיק איז ניט קיין מיטגליד.

אָבער היינט איז מייק אַביסעלע טרויעריג — עפעס שפראָצט ער ניט מיט זיין ברודערלעכע ליבע ווי אַלעמאָל. ער זיצט בא מיר אין אָפיס און ער ברענט אויף זיין ווייב און אויף דער גאַנצער וועלט. ספעציעל איז ער אין כעס אויף זיין ווייב, ווייל זי קלאָגט אים אָן פאַר אַ גט. זיצט ער בא מיר אין אָפיס—אין איין האנט האַלט ער זיין „דיוואָרס סאַמאָנס" מיט וועלכער זיין ווייב האָט אים ערשט מכבד געווען און מיט דער צווייטער האַנט

שפילט ער זיך מיט פארשיידענע „פראַטוירניטי באַטענס" וועלכע זיינען צוזייט און צושפרייט איבער זיין קאָוט, איבער זיין וועסט, און אַפילו אויףביידע ענד שפיצען פון זיין וועסט.— זיצט ער אזוי און פילאָזאָפירט און איך מוז אים אויסהערען:

„אַ מעמבער מוז זיין אַקטיוו אין זיינע אָרגאניזאציעס. א גע־טרייער מעמבער מוז אַטענדען אַלע באַנקעטען, אַלע בעלער, פּאַראַדען און לויות. וואָס פארשטייט א פרוי אין אזוינע גע־שעפטען? די פרויען זיינען דאָך אַפילו ניט ציוויליזירט. וואָס ווייסען זיי? צום ביישפיל: איז איינער א מייסאָן, מוז ער האָבען אַלע „מייסאָניק" פּריטשינדאלען. ספּעשעל מוז ער האָבען דאָס פּארטוכעל מיטן עמבלעם. ער מוז האָבען די העט מיט די פּע־דערען ווען ער איז אַן „איגעל." ער מוז האָבען די זיידענע קורצע הויזען, טאַקי מיטן שווערד, ווען ער איז א שראַינער. ניט נאָר מוז ער האָבען די יוניפאָרמס נאָר ער מוז זיי באַנוצען צו יעדער געלעגענהייט.

„די דאָזיגע „אַוטפיטס" קאָסטען טאַקי א סך געלט, און וואָס פאר „אַ יוז" קען מען פון זיי האָבען ווען מען הייגנט זיי אויף אין דעם קליידער קלאָזעט? איז דערפאַר, בין איך שטאָלץ מיט דעם וואָס איך בין א „לאָיעל" מעמבער און עס איז ניטאָ די וואָך איך זאָל ניט טראָגען מיין „אייפּראנדל" אָדער מיין „פעזל." צי איך קען דעם פאַרשטאָרבענעם ברודער, צי ניין, אָבער איך גיב אים אָפּ זיין לעצטען כבוד . . . איך קום צו דער לויה אנגעטאָן ווי עס דאַרף צו זיין. די ערשטע צייט פלעג איך טאַקי גאַנץ גוט וויינען באַ א לויה. ווארום איך פלעג צום מיינ־סטען גיין צו לויות פון אידישע ברידער, איז ווייסט איר דאָך — בא א אידישען פיונעראל וויינט מען . . . מען גיסט פלגי מים . . . איז פלעגט טאַקי רירען דאָס הארץ . . . און ס'האָט זיך

געוויינט. איז אַ סך מאָל ווען איך פלעג זיך כאַפּען ווישענדיג די טרערען פון די אויגען מיטן ווייסען „אייפּראַנדל" פלעגט מיך טאַקי פאַרדריסען . . . וואָס ווייסטו אידיאָט פלעג איך זיך אַליין פרעגען . . . דו קענסט דען דעם פאַרשטאָרבענעם? וואָס מאכסטו א תל פון אַ ווייסען אייפּראָן? דו וועסט דאָך אויס־קוקען ווי א צעמענטט מאַן אָדער א בריקלייער מיט א צעווייק־טען און א צעקנייטשטען אייפּראָן. נאָר גיי קאָנטראָליר זיך, אַז מע האָט ניט מער ווי א אידיש הארץ — און א אידיש האַרץ קען ניט צוזען קיין צרות . . .

איצט אָבער גיי איך מיינסטענס צו „דזשענטייל פיונעראַלס." איך זאָג אייך, עס איז א פּלעזשור צו גיין צו א גויעשער לויה. ערשטענס פירט זיך באַ אַזאַ לויה אַלעס פאַראַדנע. אַלע זיינען אָנגעטאָן אין שוואַרצען, מיט שיינע ווייסע העמדער, מיט שי־מערירענדיגע אייפּראַנדלאך; שיינע שוואַרצע הענטשקעס, ווייַ־סע טיכלעך מיט „ביוריפול" שוואַרצע ברעגען. איך זאָג אייך עס איז א „פּליעזשע" צו קוקען אויף זיי. באַ אַזאַ לויה ווייסט מען ניט אפילו ווער עס איז די אלמנה און ווער עס זיינען די יתומים. די פּנימער זיינען באַ אַלע אַזעלכע רוהיגע, אַזעלכע געלאַסענע. מען זעט ניט קיין טרערען, מען הערט ניט קיין געוויין. עס איז שאַ־שטיל — אַלעס אָן ליאַרעם. דער איינציגער וואָס קוקט אויס אביסעל „לויה'דיג" און טרויעריג איז דער אנדערטייקער. איר ווייסט דאָך, עס איז אַזאַ ביזנעס וואָס מען מוז אַזוי אויסקוקען.

„האָב איך טאַקי אַסך מאָל גערעט אין די „דזשואיש לאַדזשעס" מיינע, אַז עס איז שוין צייט אַז אידען זאָלען זיך אויך אויפירען ווי מענשען. זאָלען זיי אויפהערען צו גוואַלדע־ווען באַ די פיונעראַלס. עס איז דאָך מיר א בזיון פאַר מיינע

דזשענטייל לאַדזשעס. גאָר אין גיכען גיי איך מאַכען אַזאַ „מאָר־שאָן" באַ מיין בני ביטשוטשער לאַדזש, אַז טאָמער וועט איי־נער פון די ברידער וויינען באַ אַ לויה, באַ זיין ווייבס אָדער באַ אַ סוויטהאַרט, זאָל מען אים אַרויסוואַרפען פון דער לאַדזש. מיינע ברידער פון בני ביטשוטש זאָגען מיר אָבער צו אַז נאָך אין אַ פּאָר יאָר ארום וועט מען דאָס איינפירען באַ זיי אין לאַדזש אויך. מען דאַרף ניט קיין מאָושען — און מען וועט אַזוי אויך אויפהערען וויינען. נאָך דער נייער קאָנסטיטושאָן וואָס מען וועט מאַכען וועט זיין פאַרבאָטען צו וויינען, און אַ לויה וועט זיך מוזען פירען אין דער בעסטער אָרדענונג מיט פּאַראַד און מיט געלאַסענקייט.

„נאָר גאָט צו דאַנקען" — אָטעמט לייכטער אָפּ מייק בראָנ־שטיין. „איך האָב זיך שוין אפילו צוגעוואוינט צו אידישע לויות אויך. איר ווייסט דאָך, אַ מענש מוז צו אַלעם צוגעוואוינט ווע־רען, ווען ער מוז פאַרטרעטען אַזוי פיל „לאַדזשעס" און אָר־גאַניזיישאָנס. אַז מען אַטענדעט אַ פּאָר הונדערט פיונעראַלס ווערט דאָס האַרץ האַרט ווי אַ שטיין. איצט אַרט דאָס שוין מיך מער ניט. וויינט קינדער, קלער איך זיך, איצט איז אייער צייט זיך מאַכען נאַריש. איז באַ מיר איצט גיין צו אַ לויה אַזוי ווי צו אַ פּאַראַד. נאָר מאָלט אייך, איך האָב אַ פּאַראַד מער ליב ווי אַ פיונעראַל . . . אַ פיונעראַל איז טאַקי אַ פיינע צערעמאָניע נאָר עס קומט ניט צו קיין פּאַראַד. ספּעשעל ווען דער פּאַראַד איז פאַרבונדען מיט אַ קאָנווענשאָן. ערשטענס איז די שטימונג באַ אַ קאָנווענשאָן אליין ווערט מיליאָנען. איך רעד ניט פון די מעמבערס וואָס „אַטענדען" די זיצונגען מיט די „קאָקוסעס." באַ מיר זיינען די דאָזיגע מעשיות ווערט אַ זעץ אין דער ערד.

איר הערט, איך בין שוין א מעמבער בא די עלקס פינף־און־צוואנציג יאר און איך בין שטענדיג א „דעלעגייט" צו זייערע קאנווענשאנס, נאר איך געדענק ניט אויב אין די גאנצע פינף־און־צוואנציג יאר בין איך געווען בא די זיצונגען אפילו איין מאל. די צערעמאניעס אפעלירען ניט צו מיר — עס איז ניט אין מיין לאין. איך, אז איך באלאנג ערגעץ מוז איך עפעס אויפטאן. איז ווען די אפיסערס פון דעם „לאדזש" קומען זיך צונויף אין האטעל צו דעבאטירען — שטעל איך פיס און נעם זיך צו דער ריכטיגער ארבעט פון א קאנווענשאן. מיר קלייבען זיך צונויף אין א גענג, מיר גייען ארוים איבער דער שטאדט און מיר זיינען זיך משמח, און מיר שטעכען און ברעכען . . . איז וואס מיינט איר טאקי, דאס אליין איז טאקי ווערט דאס גאנצע געלט, וואס מען באצאלט א גאנץ יאר פאר דיוס . . .

„פילע פון אונזערע חברה האבען ליב צום ביישפיל צו שניידען טאיערס אויף די אטאמאבילען, אנדערע האבען פלעזשור ווען זייווארפען ארונטער ביר פלעשער אדער בעגס מיט וואסער דורך די פענסטער פון זייערע האטעלס אויף די מענשען וואס גייען פון אונטען. אבער די דאזיגע שטוקעס אפעלירען ניט צו מיר, עס איז טאקי א סך „פאן" נאר בא מיר איז דאס קינדערשפיל. בא מיר מוז עס זיין גאר — אדער גארניט. איך ווייס. אז איך קריג א „קיק" פון אנדרייען דעם פייער אלארם און ארויסברייגגען דעם גאנצען פייער דעפארטמענט. עס קומט מיר צו א שטיק געזונט ווען די חברה פייער־לייט קומען צולויפען העגדום־פעגדום און מען זוכט א פייער. איך מיט די „באיעס" שטייען און מיר ווערען צוזעצט לאכענדיג. „אוואו איז דער פייער?" פרעגט דער פייער טשיף. טראג איך אים אונטער א ברענענדיגע שוועבעלע אדער אן אנגעצונדענעם „סיגאר לאי־

טער" און איך זאָג אים: „היר איז די פייער." די פייער-לייטע זיינען טאַקי אַנגעצונדען אויף אונז וואָס מען האָט זיי אפגע-נאַרט . . . נאָר וואָס קענען זיי נעבעך טאָן, זיי מוזען נעבעך פארקירעווען דעם פייער אינדזשען און פאָרען צוריק. ווייל אונז קען מען גאָר ניט טאָן. מיר זיינען דעלעגייטס — מיר האָבען איבעראַל א „ספעשעל פריווילעדזש" און מיר קענען טאָן וואָס מיר ווילען אין שטאָדט . . . און וואָס מיינט איר . . . מיר טוען טאַקי . . .

„איך דענק, אז דעם בעסטען פאָן וואָס איך האָב ווען עס איז געהאט איז געווען בא א „איגעל קאָנווענשאָן" אין פיטסבורג. איר ווייסט דאָך, פיטסבורג איז א גאַנץ באָרגיקע שטאָדט. איז שאָ, וואָס טוען מיר. איז ווייל די איגעלס האָבען עפּעס גע-עפּענט זייערען א יתומים אנשטאַלט האָבען מיר חברה אויפ-געעפּענט אלע פייער „האַידרענטס" אין יענער נייבאָרהוד. מיר האָבען דאָרט געמאכט א פאַרפּלייצונג. מיר זיינען דאָך עפּעס ניט קיין קינדער, וואָס הייסט מיר ווע‍לען מאכען א פארפלייצונג אומזיסט און אומנישט? מיר האָבען געלאָזט דאָס וואַסער שטיין איבער נאכט . . . און אזוי ווי עס איז געווען אַ קאַלטע ווינטער נאכט איז דאָס וואַסער אזוי פארפרוירען גע-וואָרען אַז עס איז געוואָרען אָן אמת'ער „קאָטאָק." אראָפּ באַרג איז פשוט געווען אומעגליך צו גיין. איר האָט אָבער ניט קיין בא-גריף וויפיל „פאָן" מיר האָבען געהאט יענעם טאָג. די מענשען וואָס זיינען געקומען פייערען די עפּענונג פון דעם יתומים אַנ-טשאַלט האָבען געבראָכען רוק און לענד אויף דעם דאָזיגען „סקייטינג רינק" . . . עס איז געווען שיין צו זען ווי עס גייט זיך א פּאָרל אויסגעפּוצט אין עסיג און אין האָניג, ער מיט א „סטאָוו פּייפּ" און זי מיט אַ מינק פויר קאָוט. ער, מיט א בלום

אין לאַצעל און זי מיט א גאנצען בוקעט אין פראָנט . . . און מען פאַראַדירט זיך אזוי מיט שטאָלץ. ער האלט די הענט אונ־טערגעלייגט אונטען און זי די הענט פון פאָרענט . . . אַרום די בלומען. און פלוצים — באַץ! . . . ליגען זיי ביידע אויף דער ערד אויסגעצויגענע, צוקאַליעטשעטע. זיין העט פארקייקעלט ערגעץ אַרום א „גארבעדזש קען" און איר זאָלט מיר עקסקיוזען, איר דרעס פאררויסען ביז די קני. און מיר חברה קוקען כלומרשט אומשולדיגערהייט . . . מיר שטיקען זיך פאר גע־לעכטער און מיר קומען באַהילפיג זיין די אויסגעגליטשטע. וואָס זאָל איך אייך זאָגען, די פיטסבורגער האָספיטאלס זיינען דעם טאָג אנגעפאַקעוועט געווען מיט צושפּאַלטענע קעפּ, אויסגעלינק־טע הענט, צובראָכענע פיס. איך וועל די קאָנוועגשאָן ניט פאר־געסען אזוי לאַנג ווי איך וועל לעבען. איך האָב געהאט מער פאָן בא דער קאָנוועגשאָן ווי פון דער בעסטער שאָו.

„עס איז א גוטע זאַך צו באַלאַנגען צו לאדזשעס. איר קענט זיך מיט אַלע דזשאָדזשעס, פּאָליטישענס און פּאָליציי. איך, אַז איך רעד צו א דזשאָדזש איז בא מיר ניטאָ קיין „יור האנאר" ביזנעס אזוי ווי בא אייך לאָיערס. אויב איך קען גוט א דזשאָדזש ביי מיר אין לאַדזש . . . איז א קלאַפּ אין פלייצע, אַז די ציינער פאַלען אים שיעור ניט אַרויס פון מויל און „העלאָו פעט" . . . און ער מיר מיטן האנט גוט ברודעריש אין זייט . . . דאָס איך דערזע מיין באָבען פון יענער וועלט און „העלאָ מאַיק" . . . יו אָלד סאָן אַף איי גאַן" . . . קען איך דעם דזשאָדזש ניט אזוי גוט, איז א קלענערען קלאַפּ אין פלייצע און „העלאָ בראָ־דער מוירפי," און ער גיט מיר בלויז אַ קליין טורקאטשעל אין זייט אריין און „האו אַר יו בראָדער בראָנשטיין." אזוי פירען מיר זיך ווי לייבליכע ברידער. מיר גייען איינער צום צווייטען

אויף חתונות, אויף פּדיום און צו לוית. עס איז יעדער פּאר איינעם און איינער פאר אלעמען.

„זעט איר, מיין ווייב איז שוין א גרינע חיה . . . אין די זאַכען פארשטייט זי זיך גאָר ניט . . . זי איז טאקי פערציג יאָר אין לאנד, נאָר איז נאָך גאָר ניט אמעריקאניזירט . . וואָס קען אַזאַ חיה וויסען פון לאָדזשעס, לויות מיט פּאַריידס? לחלוטין גאָר ניט מיט גאָר ניט . . . איז נאָר זי עסט מיך און נאָר זי יאָדעט מיך. „זיץ אין דער היים, מאַיק, כאָטש איין נאכט אין חודש.״ אויף וואָס דאַרף זי מיך אין דער היים פרעגט איר . . . ווייסט זי אליין ניט. דאָס וואָס די מענשהייט דאַרף מיך האָבען דאָס גייט דער אידיאָטקע גאָר ניט אָן. אז איך וועל ניט טאָן די נויטיגע ארבעט און דער וועט ניט טאָן די ארבעט וואָלטען מיר געהאט אַ גאַנץ ציוויליזירט וועלטעל, וואָלטען מיר געהאט.

„דעם דיוואָרס האָט זי אנגעפאנגען גאָר צוליב אַ קליינינקייט. הערט וואָס א נאַרישער יאָכנע קען איינפאלען אין קאָפּ. און פון וואָס מען מאכט א צימעס. מיין בענעלע איז לעצטע וואָך געוואָרען דרייצען יאָר. נו, ווי איר ווייסט דאַרף מען דאָך מאַכען א בר מצוה, מיט א פּארדי ווי עס פירט זיך בא אידען. נו, האָט מיין ווייבעל געמאכט אַ פּאַרדי, איינגעלאדען געסט, פריינט, באַקאנטע. עס האָט זיך געטאָן בא איר אויף טיש און אויף בענק. העלפט גאָט, האָב איך דעם זעלבען טאָג א פיונעראַל בא די „אַד פעלאָוס״, און ווער דאַרף שטאַרבען בא מיר . . . דער אינספעקטאָר פון אונזער פּאָלים סטיישאָן . . . איינער פון די פיינסטע אַד פעלאָוס. אז אַ ברודער פלעגט אים ברענגען אַ טרעפיק טיקעט, איז פלעגט ער זיך ניט באַדערען מיט פיקסען . . . וואָס פיקסען, ווער פיקסען . . . ער האָט דעם טיקעט אינגאנצען צוריסען . . . אַזאַ טייערער מענש איז דאָס געווען.

נו, גיי ניט צו זיין לויה . . . עס וואָלט דאָך געווען איינער פון די גרעסטע פאַרברעכענס, וואָלט דאָך עס געווען. נאָר מיינע שרייט אַלץ ניין און ניין . . . עס איז אַ חרפּה פאַר לייטען, שרייט זי צו מיר, ס׳איז דאָך דיין בן יחיד׳ס בר מצוה . . .

„באַ מיר איז דאָך אַ פראַגע פון „פּראָטויִרניטי״ און ברידער־לעכער ליבע, טו איך זיך אָן און וויל גיין. און מיינע מאַכט ניט קיין טענות און דערלאַנגט מיר אין קאָפּ — אָט־אַ־דאָ־אָ — איר זעט דעם בייל אויפן שטערן? דאָס איז איר מלכה . . . און ווייסט איר מיט וואָס אַ פרוי פאַרגינט זיך צו ביילען אַ מאַן? ניט אַנדערש ווי מיט מיין בענעלע׳ס תפילין. זי האָט שוין קיין אַנדער זאַך ניט געקענט געפינען צו וואַרפן מיר אין קאָפּ ווי נאָר מיט אַ הייליגער זאַך. דו ווילסט מיר וואַרפן עפּעס אין קאָפּ אַריין . . . וואַרף אַ טעלער, אַ מעסער . . . ווי עס פירט זיך אין לייטישע הייזער. ניין, זי וואַרפט זיך מיט תפילין . . . האָט איר אַמאָל געהערט אַזאַ חלול השם, האַ? איך האָב זי אָבער גע־הערט ווי דעם קאַטער און טאַקי צובייזלטערהייט בין איך געגאַנגען צום אינספּעקטאָר׳ס פיונעראַל . . . און בין באַ דער בר מצוה ניט געווען. איז זי נאָך, די גרינע חיה, ניט צופרידען וואָס זי האָט מיך צוקאַליעטשעט און נעכטען דערלאַנגט מען מיר די פּייפּערס . . . וואָס איז . . . זי וויל נאָך אַ גט . . . זי איז נאָך געקעכט . . .

„זעט איר, איז פאַר די פּייפּערס האָב איך אַזוי מורא ווי פאַר דעם פאַראַיאָריגען שניי. אַלץ וואָס איך וויל איר זאָלט טאָן איז מאַכען אַז די קיים זאָל פאַרקומען פאַר דזשאַדזש פּעט קע־סידי. וועט ער איר שוין געבען אַ גט, אַז עס וועט איר פינסטער ווערען אין די אויגען. איר פאַרשטייט, דזשאַדזש קעסידי איז דער פּרעזידענט פון די אָד פּעלאָוס . . . און אַז איך וועל אים

דערציילען די געשיכטע מיט דער לויה און מיט דער בר מצוה
ווייס איך שוין וואָס זיין „דעסיזשאָן" וועט זיין. אַלס געטרייער
ברודער פון די אַד פעלאָוס וועט ער זאָגען צו מיינער: . . .
„מרס. בראָנשטיין, אייער מאַן האָט זיך געפירט ווי א געטרייער
אַד פעלאָו, ווי א פּאַטריאָטישער אַמעריקאַנער בירגער . . .
דער אַד פעלאָו שטייט העכער ווי דאָס ווייב מיט די קינדער
מיט בר מצוה'ס." „מאַיק" וועט ער זאָגען צו מיר . . . „אַי עם
פּראַוד אָף יו" . . . איך בין שטאָלץ מיט דיר און מיט דיין
האנדלונג. דו האָסט זיך אויפגעפירט ווי א לאָיאַלער אַד פעלאָו
דאַרף זיך אויפפירען. דו האָסט געטאָן דיין „דיוטי" צו דיין
פאַרשטאָרבענעם ברודער . . . עהרע זיין אנדיינקען . . . קעיס
דיסמיסט." אזוי וועט דזשאַדזש קעסידי רעדען און אזוי וועט
ער פּסק'ענען . . . איז דערפאר זאָג איך, אַז אייער דזשאָב איז
צו זען, אַז די קעיס זאָל פאַרקומען פאר דזשאַדזש קעסידי . . .
און ער וועט שוין טאָן זיין פליכט . . .

„אַ גרינע חיה אַזאַ . . . אין דער היים וועל איך איר שטיין
. . . אַזאַ ברודער שטאַרבט . . . אַזאַ ברודער . . . ער איז דאָך
געווען איינער פון די בעסטע פּאָלים אינספּעקטאָרס אין שטאָדט
. . איז נאָדיר גאָר בר מצוה'ס, נאָדיר . . נאָר פאַרלאָזט זיך שוין!
אויף בראָדער פּעט קעסידי, ער וועט שוין איר אָנרייבען אַ
מאָרדע אַז זי וועט שוין פאַרזאָגען אירע קינד'ס קינדער, וועט
זי שוין פאַרזאָגען . . . "

א קליענט און עקשן

„אט אזוי ווי איר קוקט מיך אן, בין איך זייער אן איינגעשפארטער מענש . . . א מענש אן עקשן. און די גאנצע משפחה מיינע איז פול מיט עקשנים. אז מיר מאכען אפ אונזער „מיינד” — קען זיך איבערקערען די גאנצע וועלט און מיר פירען אויס אונזערס. אזעלכע נאטורען האבען מיר שוין. נעמט מיין פאטער צום ביישפיל — געווען איינער פון די איינגעשפארטסטע מענשען בא אונז אין שטעטעל. איך וועל די געשיכטע קיינמאל ניט פארגעסען. איך בין נאך דאמאלסט געווען א קליינער קאראפוזיק — נאר עס גדענקט זיך.

מיר האבען דאמאלסט געהאט איינע פון די קאלטסטע ווינטערס. כוועדאר, דער גוי, האט אונז געבראכט א פור האלץ — צו הייצען. נו, האט זיך דער גוי איינגעשפארט, אז דער טאטע זאל אים באצאלען איידער ער ווארפט ארונטער דאס האלץ. האט ער דאך געטראפען דעם ריכטיגען פלאץ — זאגט דוקא מיין פאטער — „ניין!” דו ווארף פריהער ארונטער די האלץ און דאן וועל איך דיר משלם זיין. מיינט איר דאך אודאי, אז דער גוי האט אויסגעפירט — מאכט איר א גרויסען טעות — ניט בא מיין טאטען פירט מען אויס. איך וועל דאס קיינמאל ניט פארגעסען — ווארום, ווייל ווען דער טאטע איז ארויסגעקומען פון האספיטאל וואו ער איז אפגעלעגען צוויי מאנאטען מיט ניומאניע וואס ער האט געכאפט אין דער קאלטער הויז, האט ער זיך געשווארען, אז ער וועט זיך אפרעכענען מיט־

כוועדאר׳ן, הלמאי ער איז אַוועקגעפֿאָרען מיט דעם האָלץ און האָט עס ניט אראָפּגעוואָרפען . . .

נעמט מיין בענען, מיין „באָיטשיק,״ ער איז דאָך נאָך גאָר א בעבז, א פּיצעל, ווייזט ער שוין, אַז ער האָט דעם משפּחה שטאָלץ אין זיך. אדאָ לעצטע וואָך מאכט ער אָפּ זיין מיינד — ער וויל ניט גיין אין סקול, ער וויל ניט גיין און טוט אים עפּעס. האָב איך אים געוואָרפען אונזער גרויסען דיקשאָנערי אין קאָפּ. ער האָט אָבער זיינס אויסגעפירט — ער איז אין סקול ניט גע־גאַנגען. שוין א גאַנצע וואָך, אַז איך טראָג אים אין סקול — וויל ער איז נאָך אלץ אין א קאשמאר און איך האָב מורא אַז אויב אונזער דאָקטאָר וויסט זיין סטאָף וועל איך אים דארפען טראָגען אין סקול אַריין נאָך א גאַנץ לאנגע צייט . . . אַזאַ קראַפּט ליגט עס אין א דיקשענערי.

אָט אזוי ווי מיין טאַטע איז געוועזן און מיינע קינדער זיינען— אזוי בין איך מיין גאַנץ לעבען. שלאָגט מיך — הרג׳עט מיך — ס׳וועט ניט העלפען. אַז איך שפּאַר זיך איין איז פארפאַלען. נעמט א קלייניגקייט — איך האָב זיך פאַר מיין חתונה איינגע־שפּאַרט, אז איך וויל ניט גיין צו דער חופּה, איך האָב צייט — וואָס איז דאָס איילעניש? מ׳וועט נאָך פארכאַפּען. מיינט איר דאָך אַז איך בין געגאַנגען צו דער חופּה — מאכט איר א טעות. מענשען זיינען זיך צונויפגעקומען — די קלעזמער שפּילען, די כלה וואַרט — דער רב וואַרט און איך בין ניטאָ. איך וויל אויס־פירען מיין שטיקעל עקשנות. אָבער מיין ווייב׳ס ברידער האָבען מיך געפונען אין דער שוויץ-באָד, א וואו איך האָב זיך אויסבא־האַלטען און זיי האָבען מיך אזוי צוקארדאשעוועט אז מען האָט מיך פשוט ניט געקענט דערקענען. מאלע וואָס חברה קאַוואַ־ליעס, מיט געזונטע לאַפּעצאַנעס מאַכען איבער אייך א פּאַ־

גראָם? וואָס האָב איך איינער באַטראָפען אנטקעגען דריי גע־
זונטע קאצאפּעס? אָבער זיי האָבען ניט אויסגעפירט. איך בין
צו דער חופה ניט געגאנגען. אירע בּראָטקעס האָבען מיך אונ־
טערגעפירט צו דער חופה אין א טאַטשקע. די רעכטע פוס מיינע
איז נאָך עד היום איבערגעבראָכען ארום קנעכעל . . .

און אז עס קומט צו קעיסעס בין איך אויך אזוי. איך שטיי
אויף מיין רעכט. איך וועל אייך ניט אָפּטרעטען אן אינטש פון
דעם וואָס איז מיינס. איר קענט טאָן וואָס איר ווילט—איר קענט
גיין אין קאָורט מיט אייערע לאָ ביכער און מיט אייערע לאָוס—
איך בין אָבער א מענש וואָס בא מיר שטייט מאָראַל העכער ווי
אייער געזעץ. דאָ אנומעלטען וויל מיין לענדלאָרד רענט. יע,
זאָג איך אים, איר זייט ענטייטעלט צו רענט, נאָר פריהער, מר.
לענדלאָרד, גיט מיר היץ. גיט מיר אביסעל וואַרימקייט אין הויז.
„נאָ טיקי נאָ וואָשי", „נאָ היץ, נאָ מאָני." מאכט ער ניט קיין
טענות און פאנגט אָן א קעיס אין קאָורט. האָט ער דאָך געטראָ־
פען א שרעקענדיגען מענשען — דענקט איר דאָך אודאי —
אַז אָט בין איך דאָך באַלד געלאָפען און האָב אים
אָפּגעצאָלט די רענט. יע, געטראָפען דעם פלאַץ. דו ווילסט גיין
אין קאָורט, גיי אין קאָורט — דו וועסט בא מיר קיין רענט ניט
קריגען. און ער האָט טאקי ניט געקראָגען. דער לענדלאָרד איז
אָבער גלאט געווען א הונט און האָט ארויסגעשטעלט אַלע מיי־
נע בּעביכעס אויפן סיידוואָק. עס האָט געברענט מיין פּנים פון
שאַנדע ווען מיינע באַקאנטע האָבען אַריינגעוואָרפען פּענים
און ניקעלס אין עפּעס א וואזע, וואָס איז געשטאַנען אויפן סייד־
וואָק . . . זיי האָבען הפּנים געמיינט, אַז מען האָט מיך ארויס־
געוואָרפען, ווייל איך האָב ניט די רענט צו באצאָלען . . . וואָס
פארשטייען זיי פון פּרינציפּ און מאָראַל און . . . און עס

איז טאַקי געווען צוליב דעם, וואָס מיין ווייב האָט מיך דאַ־מאָלסט פארלאָזען. נאָר גיי ווייס אלע לאָוס . . . גיי ווייס, אז דאָ אין אמעריקע שטייט די לאָ העכער ווי יושר . . . און אז מען שטעלט גאָר ארוים אויף דער גאַס . . .

פון מיין „האָלד אָפּ״ האָב איך אייך אמאָל דערציילט? ווי קומט עס? יעדער איינער האָט עס דאן געלעזען אין די פּיי־פּערס. מען האָט אפילו דאמאָלסט צעשמירט מיין פיקטשע אין די פּייפּערס. — איך האָב א מאָדנע נאַטור, אַז איך גיי ארוים אין גאַס טראָג איך ניט קיין פּעני אין פּאָקעט. איך לאָז אפילו מיין פאונטען פּען אין הויז. גיי איך מיר אזוי פארביי א פינ־סטערע עלי, און א חברה־מאַן גיט מיך א שלעפּ אין עלי אריין און גיט מיר א קאָמאַנדעווע „הענדס אָפּ.״ נו, איז אָט גיי איך אים גלייך א הויב טאָן די הענט מיינע. קיין אנדער זאך ליגט מיר ניט אין קאָפּ . . . און מאַמע מיינע, אז איך גיב זיך א וואָרף אויף דעם בחור — פרעגט שוין ניט וואָס עס האָט זיך דאַ־מאָלסט אָפּגעטאָן אין דער עלי . . . וואָס מיך פאַדריסט מער ווי אַלץ איז, אַז ווען מען האָט מיך אין דער פרי געפונען אין דער עלי א האַלב טויטען, בין איך געלעגען מוטער־נאַקעט . . . באַנדיט וואָס דו ביסט, דו ווילסט שלאָגען — שלאָג! אַז עס קומט צו שלאָגען זיך קען איך מיין שטעטעל באשטיין — נאָר אראָפּציהען בא יענעם די הויזען — דאָס איז דאָך פשוט א סקאנדאל.

מיינט איר דאָך חלילה אז איך שרעק זיך פאר א פּאָליסמאַן? א מענש אָן עקשן אזוי ווי איך האָט ניט מורא פאר קיין פּאָ־ליסלייט. הלואי וואָלט איך אזוי מורא געהאט פאר זיי טויטער־הייט ווי איך האָב מורא פאר זיי לעבעדיגערהייט. נאָך אלעמען וואָס איז א פּאָליסמאַן? ער איז אזא מענש ווי איר, ווי איך.

נישט בעסער — און פיל מאָר ערגער. איז וואָס זאָל איך זיך דערשרעקן פאר אים ווייל ער טראָגט קנעפּלאָך? בין איך ניט קיין שרעקעדיגער. וואָס קומט מיר פאר דעם, האַ? פּאָר איך מיר איינמאָל אזוי אויף מיין קאַטערינקע. איך האָב אן אלטע שעוראָלעיקע — איז זינט מיין פרוי האָט מיך פארלאָזן, איז מיין גרעסטער פארגעניגען א פּאָר־טאָן פאר א ראַיד, נאָך דער ארבעט — כאַפּן אַביסעל פרישע לופט. פּאָר איך מיר אזוי, און מיין מאַשינקע לויפט מיר מיט חשק. איך הער עמיצער אויף א מאָטאָר־סייקל בלאָזט דעם האָרן. נו, עס פּאָרט זיך א טרעפיק פּאָליסמאַן . . . פּאָר זיך געזונטערהייט, ברעך רוק און לענד. מיין באָבעס דאגה. ער בלאָזט אָבער שטאַרקער און מאכט מיט דער האנט אז איך זאָל אָפּסטאָפּען. וועל איך אים גיין סטאָפּען . . . וואָס איז . . . איך פיל זיך דען אין עפּעס שולדיג? קיין פארברעכען בין איך ניט באגאנגען . . . טאָמער פּאָר איך 40 מייל א שטונדע איז וואָס? . . . ער בלאָזט און איך טרייב . . . איך טרעט ארויף אויף דער מאכערייקע און גיב מיין מאַשינדעל מער געז . . . גיט זי זיך א צאַפּעל און פּאָרט שנעלער. איך וואָטש דעם ספּידאָמעטער — פופציג, פינף־און־פופציג, זעכציג מייל. און ער בלאָזט. קלער איך זיך: לאָמיר זען ווער עס וועט שנעלער מיד ווערן — איך צי דו, מיסטער קאָפּ. איז מאלע וואָס א מענש טראָגט זיך ארום מיט א ביקס — און ער שיסט מיר אריין אין טאַיער אַריין אזוי אז די גאנצע לופט פון מיין טאַיער שיסט אַרוים מיט אַזאַ פייפערייַ — אַז איך אַליין דערשרעק זיך, און עס ווערט א בהלה אויף דער גאַס . . . און מיין מאַשינקע הייבט זיך אָן ווארפען ווי א נאָר־וואָס גע־שאָכטענע כפרה . . . און זי פּאָרט מיר אריין גלייך צווישען אַ טראָק און אַ סטריט קאר . . . איר הערט . . . ווען איך בין גע־

שטאַנען פארן דזשאַדזש מיט'ן האָרן אין האנט, ווייל דאָס אלעס וואָס מיר איז, ניט היינט געדאכט, פארבליבען פון מיין מאשין — האָט מיין בלוט אין מיר געזאָדען. מאכט צו מיר דער דזשאַדזש: דער אָפיסער באשולדיגט אייך אין „רעקלעס דריי־ווינג." איר הערט א חוצפה — ער שיסט אין מיר און איך בין נאָך געווען רעקלעס. נו, אויב דאָס איז גערעכטיגקייט האלט זיך מיט דעם . . . ווען איך בין אָפּגעזעסען די דרייסיג טעג אין דזשייל און בין ארויס אויף דער פריי האָט מיך ניט אזוי געאַרט די געשיכטע וואָס מען האָט בא מיר צוגענומען מיינע דריי־ווערס לייסענס, ווי וואָס מיין האָרן איז פארשוואונדען געוואָרען . . . עס איז א סברה, אַז טאַקי דער זעלבער פּאָליסמאַן האָט אים צוגעלאטכענט . . . זאָל אים דאָרט בלאָזען אין קאָפּ און אין אַלע אברים, אַזאַ באַנדיט, אזאַ גנב . . .

זע איך דאָך, אַז מיט יושר און מיט גערעכטיגקייט וועל איך דאָך גאָר ניט אויספירען . . . האָב איך באשלאָסען, אַז פון היינט אָן און ווייטער מוז מען האָבען א לאָיער. מיט א גוטען לאָיער באַם זייט איז מען זיכערער ווי מיט א גאנץ באַנדעל גערעכטיגקייט. בין איך טאַקי דאָס געקומען צו אייך. איך וויל אַליין שוין מער ניט נעמען קיינע טשענסעס.

איר ווייסט דאָך — איך האָב א פּעינט סטאָר . . . האָב איך זיך, גאָט צו דאַנקען, געמאכט א נישקשה'דיגען לעבען. איז וואָלט דאָך געווען גוט ווען איך האָב ניט קיין חזיר'שען לענד־לאָרד, אַז נאָר ער מישט זיך אין יענעמס ביזנעס. „מר. דריינ־פּאַיפּ, פלעגט ער מיר האַלטען קלאַפּען אין קאָפּ — „סמוקט ניט אַרום די בענזין פּעסלאך, רויכערט ניט ארום די קעראַסין בער־לאך — ס'איז „אינפלעמעבעל." אינפלעמעבעל, שמעמעבעל. איך בין דער בעל הבית אין מיין סטאָר און איך קען טאָן וואָס איך

ווייל . . . איך וועל רויכערען . . . איך האָב פיינט אז מען זאָגט מיר דעות, האָב איך פיינט. איז טאָג און נאכט דרייט זיך מיר דער פאסקודניאק, מיין לענדלאָרד, אונטער די פיס — ער וואַטשט מיך. און וואו געפינט ער זיך שטענדיג — ארום די פעסלאך מיט בענזין. נו, א מענש איז דאָך ניט קיין מלאך — איז בא מיר ארויסגעפאלען דאָס סיגארעטל פון מויל. ס'האָט שוין מן הסתם בא אייך זיך אויך געטראָפען, אַז אַ סיגאַרעט זאָל אַרויספאלען פון מויל — נו, איז וואָס? בא מיר אָבער, מיט מיין מזל, פאַלט עס אריין — יאָ, גלייך אין פעסעל בענזין. — אלעם איז בא אייך אן עקספלאָזשאָן . . . די גאנצע נייבאָרהוד האָט אויפגעציטערט. פון דער סטאָר מיט דער וואָרע איז ניט געבליבען קיין שריד ופליט . . . נו, איז מיטן לענדלאָרד האָב איך דוקא ניט קיין טראָבעל — ער איז ניטאָ — ער איז פארשוואונדען געוואָרען נאָכן עקספלאָזשאָן מיט דער סטאָר — און ווי אין וואַסער אריין . . . אָבער די לענדליידי — זי איז א אידענע מיט אן אוירינגעל. קלאָגט זי מיך, ווייל איך האָב איר געדעמעדזשט דעם סטאָר . . . ס'איז דאָך פון סטאָר קיין זכר ניטאָ — און זי שרייט אַלץ, אז איך האָב איר געדעמעדזשט די פראָפערטי — איך האָב איר אומגליקלאך געמאכט . . . דו, אשת חיל, זוך בעסער דעם מאן דיינעם — ניין, איז דאָס ניט — זי טשעפעט זיך צו מיר . . . איז דערפאר זאָג איך אייך — אַליין גיי איך ניט מער אין קאָורט — נעמט איר שוין דעם טשענס, אפשר וועט איר שוין האָבען מער מזל.

מאָדערנע חתונות

מיך האט געוואונדערט, וואס סעמועל בארנארד טוט בא מיר אין אפיס. בארנארד און איך זיינען געווען פריינט פאר יאָרען און איך האָב אים געקענט אלס א פעהיגען, קאָנסערוואטיווען, פראקטישען אבער ערליכען געשעפטסמאן. ער איז געווען גאנץ ערפאלגרייך אין א מענערישען קליידער געשעפט. ער האָט געהאַט א רעפוטאַציע פאר דער פינקטליכקייט מיט וועלכען ער פלעגט צאָלען זיינע חובות. קיינער האָט אים קיינמאָל נים געקלאגט און ער אודאי קיינעם נים. ער האט געשטאלצירט מיט דעם וואָס ער איז קיינמאָל נים איבערגעטראָטען די שוועל פון א געריכט. ער פלעגט פילאזאפירען אין שפאס: „גליקלאך איז די פאמיליע וואָס דער מאן קען נים קיין לאָיערס און די פרוי קיין דאקטוירים.” אבוואל ער האט געפירט זיין געשעפט אויף אן אמעריקאנעם שטייגער, איז ער אליין אבער געווען אין אלע אינזיכטען דער אייראפעאישער סוחר.

האָב איך זיך טאקי געוואונדערט, וואס בארנארד איז מיך געקומען פלוצים באזוכען. און צו דעם נאך איז זיין פנים געווען אזוי ערנסט און טרויעריג, אזוי ווי דער גאנצער הימעל וואלט פלוצים אראפגעפאלען אויף אים.

„וואס איז דער מער מיט אייך, מר. בארנארד?” האָב איך אים געפרעגט, „עפעס קוקט איר מיר נים אוים מיט אלעמען.”

„ניין, איך בין דוקא גאָט צו דאנקען געזונד — נאר . . . און דאָ האָט ער זיך אביסעל געקווינקעלט, עס איז אים עפעס גע־

ווען שווער ארויסצורעדען, נאָר ער האָט זיך אנגעשטרענגט און ארויסגערעדט — „מיין טאכטער גייט חתונה האבען.״

„דאס איז אלעס! נו, קומט דאך אייך א מזל טוב,״ האב איך אים גראַטולירט. „א מענש דאַרף ניט פילען אזוי ווען זיין טאָכ־טער גייט חתונה האבען. אזוי איז שוין דער שיקזאל פון אלע מענשען,״ האב איך אים געטרייסט, „מען ערציט קינדער, מען לערענט זיי, מען ציטערט איבער זיי — און פלוצים, האבען זיי חתונה—און גייען אוועק . . . נאכהער אבער האָט מען נאך מער פארגעניגען . . . מען האט צוויי קינדער אויפן פלאץ פון איינעם. עס איז שוין דא אן איידעם מיט א טאכטער. און אביסעלע שפּע־טער קומט אן אייניקעל — און אזוי גייט עס מר. בארנארד. איר זייט ניט דער איינציגער וואס קינדער פארלאזען און גייען א־וועק.״

„נישט דאס באדערט מיך,״ האט ער א זיפץ געטאָן. „דאס אוועקגייען קימערט מיך ניט. מיין טאכטער וועט דוקא ניט א־וועקגייען; זי וועט וואוינען מיט מיר. און מיין איידעם מאַך איך פאר מענעדזשער איבער מיין סטאָר. וואס מיך ארט איז די חתונה. איך זאָג ארט — די חתונה האָט שוין מיר געמאכט א לאָך אין קאָפּ. איר האָט דען א באגריף וואָס א חתונה איז היינטיגע צייטען. ס׳איז דען א חתונה?—ס׳איז א פאָרשטעלונג, א ספּעקטאקל, א צירק. . . איך וויים, ווען איך האב חתונה גע־האט — טאקי דא אין אמעריקע — האט מען געדונגען א זאל אין די בראָנקס — מען האָט איינגעלאדען אלע קרובים און בא־קאנטע, מען האָט געמאַכט א שיינעם סאָפּער, מען האָט גע־שטעלט א חופה, דער חזן האָט שיין געזונגען, דער רב האָט גע־האלטען א גאנץ שיינע אידישע רעדע; נאכהער האט מען גע־געסען, געטרונקען און גאנץ פיין פארבראכט — און ס׳איז טאקי

געווען פריילאך. די גאנצע משפחה איז זיך צונויפגעקומען פון גאנצען לאַנד. מען האָט געטאַנצט א שערעלע מיט קאַזאַצקעס, אז עס איז געווען א פארגעניגען פאר'ן אויג און פאר'ן הארץ. אי די יונגע האבען זיך גאנץ פיין אמוזירט און די עלטערע האַבען אויך הנאה געהאט. דאס איז אבער געווען אמאל — און אמאָל איז ניט היינט. מיר האָבען איצט נייע צייטען . . . מיט נייע אנשיקעניש ען . . . יאָ, און מיט נייע חתונות."

„וואו שטייט עס געשריבען, מר. בארנארד, אז אייער טאכטער קען ניט האבען אזא חתונה ווי איר האט געהאט אין די בראנקס?" האב איך אים געפרעגט.

„עס שטייט טאקי אין ערגעץ ניט געשריבען און בא מיר פוילט איר, אז די אַמאָליגע בראַנקסער חתונה איז געווען מלא חן. וואס קומט ארויס, אז איר פוילט בא מיר . . . איר דארפט אָבער ניט פארגעסען, אז איך האָב א ווייב מיט א טאָכטער . . . און דאָס איז זייער חתונה, ניט מיינע . . . עס הייסט אזוי זאגען זיי . . . איך פארשטיי גאנץ גוט ווי צו קויפען און פארקויפען מענער סוטס, זאגען זיי מיר, אבער אז עס קומט צו מאדערנע חתונות, בין איך א פשוטער איגנאראמוס, אן אומוויסענדער קערל — און איך מוז די גאַנצע זאַך לאָזען צו זיי . . . אלץ וואס איך דארף טאָן איז אונטערשרייבען די טשעקס . . . און זיי וועלען שוין טאן דאס איבעריגע — דאס מער וויכטיגערע. ווייס איך ניט, עס קען זיין, אז זיי האָבען רעכט. וואס קען א איד פון א גאנץ יאר וויסען אין אזעלכע אנגעלעגענהייטען? איך ווייס ווי צו מאכען א לעבען פאר מיין פאמיליע, נאר אז עס קומט צו זאַכען פון העכערע מדרגות ווייס איך טאקי הפנים זייער ווייניג. איר פארשטייט, איך האב זיך דא אין לאַנד ווייניג וואס געלערענט. איך בין געגאַנגען א פאָר יאָר אין נאַיט סקול און איך קען

גאט צו דאנקען לייענען א צייטונג — כאפּ א קוק אין א בוך . .
זיי אבער . . . עס הייסט מיין פרוי מיט מיין טאכטער . . . איז שוין עפּעס אנדערש. זיי זיינען ביידע געגאנגען אין פינישינג סקול א וואו מען האָט זיי געלערענט מאַניערען, עטיק, ווי צו שטיין, ווי צו האלטען די הענט ווען מען רעדט צו א מענשען און נאך אזעלכע וויכטיגע זאכען — איז געוויינטליך פארשטייען זיי זיך אין די זאכען פיל בעסער ווי איך. נו, נעם איך אן א פּו־לען מויל מיט וואַסער און שווייג . . . יעס, איך שווייג און שרייב טשעקס. וואס זאל איך טאן — גיין פארשטערען די שמחה? עס איז דאך פארט אן איין און איינציגע טאכטער . . .
נו, איז טאקי שלעכט — ווייל עס קען זיין, אז זיי ווייסען טאקי ווי מען מאכט א מאדערנע חתונה — איך אבער ווייס ווי עס האלט מיט מיין „ביינק באלאנס" . . איך ווייס אז אויב עס וועט אזוי אָנהאלטען נאָך א פּאָר וואכען וועל איך האָבען א גאנץ אנדערע חתונה . . . מיט אנדערע קלעזמער . . . מיט אנדערע נאָטען . . . פּראמיסאָרי נאָטען . . . א חתונה אויף וועלכער איר לאָיערס וועלען זיין די מחותנים און די קרעדיטארען וועלען טאנצען . . . און אזעלכע חתונות האב איך פיינט . . . און פון דער חתונה ווייסען ניט מיין פרוי און מיין טאָכטער, אז אפילו איך זאל זיי דאס ערקלערען וועט מיר גאר ניט העלפען . . . זיי וועלען ניט פארשטיין . . .

„אויב איר געדיינקט האבען מיר מיט איניגע יאר צוריק גע־האט א דעפּרעשאן . . . די גאנצע וועלט האט געליטען פון דער דעפּרעשאָן . . . און איך קען אייך פארזיכערען, אז די דע־פּרעשאָן האָט מיך אויך ניט אויסגעמידען . . . נו, איז פונקט דאמאָלסט האבען מיין פרוי און מיין טאכטער באשלאסען צו מאכען א רייזע קיין יוראפּ . . . די רייזע אליין האָט מיר ניט

אויסגעמאכט . . . עס זיינען געווען די פארבערייטונגען פאר דער רייזע . . . די קליידער — טראַנקס זיינען געווען פול מיט נייע זאכען . . . איך האב שוין דאס א פּאר מאָל דורכגעלעבט . . . היינט דאס געלט אויף איינצוקויפען בארגענס אין פּאריז . . . די העטקאלאך מיט די שיכאלאך . . . אזא רייזע קען דאך שטע־לען אפילו א רייכען מענשען בדיל הדל . . . האב איך זיך דא־מאלסט אוועקגעזעצט און זיי ערקלערט: — טוט מיר א טובה . . פארט קיין אטלאנטיק סיטי. איך קען ניט אפארדען היינטיגס יאר יוראפּ מיט פּאריז מיט „סילווער פאקסעס" — האבען זיי מיך אנגעקוקט ווי א ווילדען . . . ווי אן אומציוויליזירטען אינ־דיאנער . . . זיי האבען דוקה קיין סך ניט גערעדט . . . נאר זייער קוק איז געווען גענוג . . . מען האט זיי אויסגעלערענט אין די פינישינג סקולס אזא מין קוק, וואס מאכט יענעם מיט דער בלאָטע צו גלייך . . נו, האָב איך זיך אוועקגעזעצט און האָב גע־שריבען טשעקס . . . איך האָבען יענעם יאָר, ניט היינט געדאַכט, טאַקי געמוזט סעטלען שטילערהייט מיט מיינע קרעדיטאָרען. נאָר היינטיגס מאָל, עס הייסט נאך דער „באסינקע" וועט אפילו ניט זיין מיט וואס צו סעטלען. וועגען דעם וועל איך שוין מוזען צו אייך רעדען נאך דער חתונה . . . ווייל איך זעה באַ־שיינפערליך, אז איך וועל שוין דעם באנקראט געריכט היינטיגס מאָל ניט אויסמיידען, נאר גראד איצט בין איך געקומען צו אייך מיט א גאנץ אנדערער ביטע. איך שעם זיך אייך אפילו דאס בע־טען . . .נאָר מיין פרוי און מיין טאכטער האָבען זיך איינגע־שפּארט, בין איך געקומען צו אייך. גלויבט מיר, אז עס איז מיר שווער צו רעדען און . . . הערט, אפשר קענט איר עפּעס א דזשענעראל? איך בין נאך ניט משוגע — נאָר איר פארשטייט, מיין טאכטערס חתן איז אמאָל געווען א סטודענט אין א מילי־

טערישער אקאדעמיע — האבען מיין פרוי און מיין טאכטער באשלאסען צו מאכען, וואס זיי רופען — א „מיליטערי וועדינג״ — עס הייסט א מיליטערישע חתונה . . . און א חוץ דעם זאגט מיר מיין טאָכטער, אז איצט איז די לעצטע מאָדע איינצולאדען א דזשענעראל צו א חתונה . . . אזוי פירט זיך איצט, זאגט זי . . . איך וויים, אפשר האט זי רעכט . . . נו, אז עס מוז זיין א מיליטערישע חתונה דארף מען האבען סאלדאטען, אפיצערען און אמווייניגסטען איין גענעראל, בין איך שוין גע־גאַנגען צו א וועלט מיט מענשען פרעגען, אפשר האָבען זיי א גענעראל אין דער משפחה אָדער צווישען זייערע באַקאנטע . . . איז אויף צעלאָכעס ניט . . . זיי קענען מיידזשערס, קעפּ־טענס, לייטענענטס . . . איז פון די האבען מיר שוין גאָט צו דאנקען א גאנצען אויסוואל . . . אבער זי וויל האָבען כאָטש איין דזשענעראל צו דער חתונה . . . פאר א חתונה אין האָטעל סוועלריץ פאסט ניט צו האָבען, זאגט זי, נאר פראָסטע קעפּ־טענס, דאָס איז פאר דיינע בראָנקסער חתונות, גיט זי מיר א שטאָך . . . נו, בין איך געקומען צו אייך . . . אפשר .. קען זיין, אז עס האָט זיך בא אייך ערגעץ פארוואלגערט א דזשע־נעראַל . . . איך מיין, אפשר קענט איר עפּעס א דזשענעראַל, זאָל זיין אן אלטער, אן אָפּגעקראָכענער, נאָר א גענעראל . . . איך בין שוין מיד ארומגעהענדיג זוכען א דזשענעראל . . . איר פארשטייט ,דאָס איז אַזאַ וואַרע וואָס מען קען ניט איינהאנדלען אין א דעפּאַרטמענט סטאָר . . . אָהאָ! ווען מיין פרוי און טאָכ־טער וואלטען געקענט קויפען גענעראלטשיקעס אין די דע־פּאַרטמענט סטאָרס וואָלטען מיר געהאט א גאנצען טוצען בא דער חתונה . . . איז ווי איך זע האָט איר ניט קיין גענע־ראַלען . . . אפשר ווייסט איר פון עפּעס א דזשענעראל, וואָס

איז אין דזשייל? . . . איך וואָלט זיך געלאָזט קאָסטען און אים אַרויסגענומען צו דער חתונה . . . נו, אַז ניטאָ איז ניטאָ . . . איך דענק, אַז איך וועל מוזען פּרובירען מיין מזל ערגעץ אַנ־דערש . . . איך האָב מורא, אַז איך וועל דאַרפען מאַכען אַ רייזע אַזש קיין וועסט פּאָינט . . . אפשר וועל איך דאָרטען כאַפּען אַ דזשענעראַל . . .

„אָ, איך האָב שוין באַלד פאַרגעסען" . . מען וועט אייך טאַקי שיקען אַן אינוויטיישאַן צו קומען צו דער חתונה . . . נאָר איך לאַד אייך איין פּערזענליך . . . פּליז קומט . . . גלויבט מיר איר וועט מיר טאָן אַ טובה . . . איך וועל כאָטש האָבען מיט וועמען אַ וואָרט אויסצורעדען בא דער חתונה . . . אַזוי וועט דאָך ניט זיין מיט וועמען . . . מיינע קרובים זיינען ניט איינגעלאַדען גע־וואָרען . . . איך האָב דאָ אַן עלטערען ברודער מיט אַן אָנקעל . . . האָט מען זיי אויסגעלאָזען . . . מיין אָנקעל האָט אַ לאַנגע באָרד . . . איז מן הסתם מעטשט ניט זיין באָרד צו די דעקאָראַ־ציעס אין סוועלריץ האָטעל . . . און טאַקי ווי קומט אַ אידישע באָרד צווישען דזשענעראַלס? . . . און דער ברודער מיינער וויל ניט גייען אין אַ טאַקסידאָ . . . ער האָט ניט קיין טאָקסידאָ . . . ווייל ער האָט עס פיינט. נו, איז אוים משפּחה. די איבעריגע צוויי הונדערט מיט פופציג געסט וואָס זיי האָבען איינגעלאַדען — קען איך ניט . . . עפּעס מיידלאַך מיט ווייבלאַך פון די פי־נישינג סקולס און עפּעס פון סאָראַריטיס, יונגע לייט פון מילי־טערישע אקאדעמיעס מיט עפּעס פראַטוירניטיס . . . פרעגט מיך גרינגערע זאכען . . . הלואי אויף ווייטער, איך קען זיי ניט . . מיין ווייב האָט זיך איר כאַליאַסטרע פון איר ברידזש קלוב . . . איר גאָלף קלוב . . . איר האָרס-בעק ריידינג קלוב . . . מיינע חברה פאָרען רייטענדיג אויף פערד . . . בין איך

נאָך אַ גליקלאכער מענש . . . אַ שטייגער וואָס וואָלט איך גע־טאָן ווען זיי פאלט איין אַ געדאנק — אז אויפן פלאַץ פון אַ „מיליטערישער חתונה" צו האָבען גאָר אַ פערדישע חתונה . . . האָבען מיר דאָך אַ גרויסען גאָט . . . איך וואלט געהאַט מסתמא דעם אמת'ן דזשאַב צוזויפברענגען די פערד מיט די שקאַפעס צו דער חתונה . . . און מן הסתם קיין פשוט'ע פערד וואָלט זיי דאָך ניט אנגעשטאנען — וואָלט איך זיך געמוזט לאָזען קאָסטען צו קריגען „רעים פערדלאך." איז האָב איך נאָך אָפגעשניטען גאַנץ גוט און גרינג. איר ווייסט, איר זייט דאָך כמעט אַן אייגע־נער מענש און איך שעם זיך דאָס אייך ניט זאָגען. איך האָב זיך קוים איינגעבעטען בא מיינער, אז זי זאָל איינלאדען איר אייגענע שוועסטער מיט איר מאן . . . די שוועסטער שטייט איר שוין אויך ניט אָן . . . איר שוועסטער רעדט, ניט פאַר קיין שום אי־דען געדאכט, אַ צעבראָכענעם ענגליש . . . נאָר גאָט צו דאנקען, איך האָב בא איר געפוילט . . . די שוועסטער איז איינגעלאַדען געוואָרען מיט דעם תנאי, אז זי טאָר די נאכט פון דער חתונה ניט עפענען דאָס מויל . . . יאָ, אזוי גייט עס . . . הייסט עס, פאַרזיכערט איר מיר, אז איר וועט קומען, האַ? איך דאנק אייך זייער פיל . . . און מיט מיין בייגקראַפּסי וועל איך אייך איה"ש שוין זען נאָך דער חתונה."

— 2 —

איך האָב שוין אין מיין לעבען געזען פיל ספעקטאקלען און צירקען. איך האָב אין מיינע יונגע יאָרען געזען די פאַנאָראַ־מישע סצענעס אין אַלטען היפּאָדראָם . . . איך האָב לעצטענס געזען די אַטעם־פאַרכאפענדע בינע פאַרשטעלונגען אין די באַ־רימטע ניויאָרקער טעאטערע, ווי ראָקסי און ראדיאָ סיטי. יאָ, איך האָב שוין אין מיין לעבען געזען פארשידענע משונה'דיג

עקזאָטישע פאַרשטעלונגען. אבער דאס וואס די בארנארד חתונה אין סוועלריץ האָטעל האָט מיט זיך פאַרגעשטעלט, אזעל־כעס האָב איך נאָך קיין מאָל ניט געזען. איך האָב געהערט דעם אויסדרוק אַז „הינט האָבען געטראָגען גאנצע קעפּ.״ דאָ אָבער זיינען געווען גענעראַלען מיט ליוטענאַנטען, מיט קעפּטענס ווי די הינט, און זיי האָבען געטראָגען זייערע קעפּ . . . גאַנץ הויך און מיליטעריש פאַריסען. הפנים, אַז דער אלטער באַר־נאַרד האָט כאָטש געוואָלט דעם לעצטען מאָל צופרידען שטע־לען זיין ווייב מיט זיין טעכטערל — און האָט איינגעלאַדען אלע אָפיצערען און גענעראַלען פון וועסט פּאָינט. איך זאָג דאָך אייך, אַז ליוטענאַנטען און גענעראַלען האָבען זיך דאָרט געפּלאָנטערט אונטער די פיס . . . אפילו די אָשערס זיי־נען געווען אנגעטאָן אין גענעראַלסקע יוניפאָרמס . . . און דער דאָזיגער חייל, מיט די ריבאָנס אויף זייערע ברייטע ברוסטען, מיט מעדאַלען און בענדלאָך איבער זייערע מונדירען, זיינען אַרומגעגאַנגען און מען האָט זיך איינס דאָס צווייטע סאַלוטירט — מיט׳ן האַנט צום שטערען און א שנעלען קלאַפּ מיט די פיס . . . עס איז געווען פּשוט א סאָלדאַטסקער גן עדן . . .

אויף קליידער, ספּעציעל אויף פרויען קליידער בין איך זייער אַ קליינער מבין. נאָר איך האָב געהערט ווי דער כלה׳ס מוטער האָט זיך באַרימט פאַר א דאַמע מיט שוואַרצע פּענסנע אויף איר נאָז און מיט א שוואַרץ בענדעל וואָס איז פאַרלוירען גע־גאַנגען אויף איר ברוסט מיט פּערל — אַז דער כלה׳ס חתונה קלייד האָט געקאָסט פינף טויזענד דאָלער. מען האָט דאָס גע־קענט גלויבען . . . ווייל זעקס אַרמיי קעפּטענס האָבען געמוזט טראָגען דעם שלעפּ פון דעם קלייד ווען די כלה איז געגאַנגען צו דער חופּה . . . אַזאַ שלעפּ איז דאָס געווען . . . וואָס זאָג איך

א שלעפּ, עס איז געווען א גאַנצער „טריילער.״. מען האָט אָפּגעקויפט א גאַנצען סטאָר מיט זייד און עס צוגעטשעפּעט צו דער כלה . . .

פאַר דער חופה צערעמאָניע איז אלעס געוואָרען שטיל און פינסטערלאך . . . און א ספּאָט-לייט איז געפאַלען אויף א פּראָמינענטען „ראדיאָ קאָמידיען״ וואָס איז געווען דער „מעסטער אָף סערעמאָניעס״. אויף דער בינע האָבען זיך געוויזען עטליכע טוצען מיידלאך אנגעטאָן אלע ווי כלות און יונגע לייט אנגעטאָן ווי חתנים . . . און זיי האָבען געטאַנצט . . . עס איז שוין געווען וואָס צו זען . . . נאכהער האָט דער מעסטער אָף סערעמאָניעס געבעטען, אז יעדער זאָל זיין רוהיג און אין אָרדענונג, ווייל באַלד דאַרף פאָרקומען די חתונה צערעמאָניע — און די גאנצע צערעמאניע וועט בראָדקעסטעט ווערען איבער אַ ראַדיאָ סטיישאָן . . . באַלד האָט זיך געיאַוועט א גענעראַל מיט א סך מעדאַלען, און האָט אנגעהויבען בלאָזען א טראמפּייט . . . און אלע איבעריגע גענעראלען, קעפּטענס און מאַיאָרען האָבען זיך אויסגעשטעלט אויף צוויי זייטען אין גלייכע מיליטערישע ליניעס, אזוי ווי נאָר די וואָס זיינען באהאוועדט אין הלכות מיליטעריזם קענען עס . . . . זיי האָבען ארויסגעכאַפּט זייערע שווערדען . . . אַ שווערד פון איין זייט האָט מקבל פּנים געווען דעם שווערד פון דער צווייטער זייט . . . און עס האָט אויסגעקוקט ווי א גאַנץ לאַנגע סוכה באַדעקט מיט א סך פון לויטער שווערדען . . . און ווען די וואָסערע הונדערט קליינע אינגלאך און מיידלאך, אנגעטאָן אין חתן-כלה קליידער זענען געגאנגען אונטער דער סוכה פון שווערדען און האָבען געוואָרפען בלומען אויף די טייערע טעפּיכער וואָס זיינען געווען אויסגשפרייט לכבוד דער חתן-כלה — האָט א גאנצער כאָר פון

פרויען און מענער שטימען געזונגען „אָ פראַמים מי.״ פלוצלונג האָבען פון ערגעץ אנגעהויבען קלינגען גלעקער „היר קאַמס די ברייד״ און נאָך א גרופּע מיידלאך האָבען אריינגעפּאראדירט אלס די „ברייד׳ס מיידס״ און נאכהער האָבען די גלעקער אנגעהויבען נאָך שטאַרקער קלינגען. ענדליך האָט זיך אנגעהויבען דער מארש פון דער כלה. ווי א לעגענדארישע פּרינצעסין פון די צוויבער מעשה׳לאך האָט מען געזען ווי עס שלעפּט זיך מאַיעסטעטיש די פיגור פון דער כלה און עס באגלייטען איר זעקס קאַפּיטאַנען, נאָכטראָגענדיק דעם שלעפּ. באַלד האָט נאכגעפּאָלגט דער חתן איינער אַליין . . . אזוי ווי ער האָט קיינמאָל קיין טאַטע־מאַמע ניט געהאט . . . און דער בחור האָט מאַרשירט צום טאַקט פון דער מוזיק אזוי ווי א געניטער מיליטערישער פערד באַ א פּאַראַד . . . און דאָ הערט מען דעם שטילען קול פון דעם ראַדיאָ אנאָנסער: „סטיישאָן דאָבעליו עקס ווי די האָט דאָס פארגעניגען צו בראָדקעסטען די הונדערט טויזענט דאלערדיגע באַרנארד חתונה פון האָטעל סוועלריץ . . . די נעקסטע שטימע וואָס איר וועט הערען וועט זיין פון דעם גרויסען אָפּערא זינגער, אנדזשעלאָ ווינטשענטא פון דער סקאַלאמאנא אָפּערא, וועלכער וועט „טשענטען״ די „בלעסינגס״ איבער דער „ברייד און גרום.״ מען קען ניט לייקענען, אז דער ווינטשענטא האָט געהאַט זייער אן אנגענעמענע באַריטאָן שטימע. איך וויים ניט ווי איר, נאר איך פערזענליך גלייך בעסער, אַז אַ חזן מאכט די ברכות אונטער דער חופּה איבער א בעכער מיט ווין . . . איך האָב זיך געריכט יעדע מינוט אז פּאַדער קאַגלין זאָל אַרויסקומען און זאָגען דעם הרי את — נאָר איך בין אנטוישט געוואָרען . . . עס איז ארויסגעקומען אַ ראַבאַי פון עפּעס א טעמפּעל, וועלכער האָט טאַקי אביסעל אויסגעקוקט

ווי דער פאַטערעל . . .און האָט עפּעס שטיל אריינגערעדט אין מייקראפאָן. און די גלעקער האָבען זיך ווידער פאנאנדערגע־קלונגען . . . גראַד דאן האָב איך באמערקט מר. באַרנאַרדען אויף דער בינע, וועלכער האָט געהאלטען א פינגער צווישען דעם שטייפען קאָלנער און האלז — ווייל עס האָט אים געמוזט דער קאָלנער גאַנץ גוט שטיקען און רייבען . . . און ער איז עפּעס אזוי געשטאַנען א האלב טויטער אויף א זייט און קיינער האָט זיך אפילו אויף אים ניט אומגעקוקט . . . איך זאָג אייך, עס האָט מיר מיין הארץ וויי געטאָן קוקענדיג אויף אים . . .

— 3 —

אזוי ווי איך בין ניט קיין גרויסער מבין אויף פרויען קליידער בין איך אָבער א קלענערער מבין אויף עסענוואַרג. אָבער גליק־לאַכערווייזע בין איך באם טיש געזעסען לעבען מר. באַרנאַרדען און איך פלעג אים אלע מאָל א פרעג טאָן וואָס פאַר א פּאַטראַ־וועס זיינען דאָס?—„אָ, דאָס איז אַזאַ מין פייגעל אָדער עוף וואָס געפינט זיך אין די ווילדערנישען פון אויסטראַליע . . . דעם טשעק וואָס איך האָב געדארפט שיקען צו גינזבערג בראָדערס פאר 300 סוטס, וואס זיי האָבען נאָך דעליווערט מיט ניינציג טעג צוריק האָב איך געמוזט נוצען אויף צו באַצאָלען פאר די אויסטראַליער פייגלען . . . און דעם טשעק וואס איך האָב שוין אפילו אויסגעשריבען צו שיקען צו מאַרשאַל און סאָן — האָב איך געמוזט צוריסען און שיקען דאָס געלט צו דער סאָוועטי־שער רעגירונג. איר געדענקט דעם קאַוויאַר וואָס מיר האָבען פריער געגעסען, דאָס קומט פון רוסלאַנד. דעם ווײַן זעט איר? האָט ער מיר אָנגעצייגט אויף די פלעשער וואָס די וועיטערס האָבען געהאלטען אין אריינברייננגען, „דאָס איז ניט קיין ווײַן, דאָס איז מיין בלוט . . . איך מיין, דאָס איז ספּעציעל אימ־

פּאַטירט פון פראנקרייך . . . פאר דעם ווײַן און שאמפּאניער האב איך געמוזט נוצען דאס געלט וואָס ווערט אוועקגעלייגט אין אַ זייט פאר אלערליי טעקסעס. וואָס אָנקעל סעם וועט מיט מיר טאָן נעקסטע וואָך, ווייס איך ניט . . . דאָס לאָז איך שוין אי־בער צו אייך און צו גאָט.

— „יאָ, איך האָב אייך פארגעסען פרעגען" האָט ער פּלוצים איבערגעריסען זיינע חשבונות, „ווי געפעלט אייך אַ „מיליטערי וועדינג?" איר ווייסט גאר ניט וואָס פאר אן אונאנגענעמלעכ־קייטען מיר האָבען געהאַט איידער איר זייט געקומען . . . עס האָט שיעור ניט געהאלטען בײַ אַ סקאנדאל . . . דעם חתן'ס אַ פעטער וואָס איז קיינמאָל מן הסתם ניט געווען בײַ מיליטער־רישע חתונות איז געקומען צו זיין פלימעניק'ס חתונה. ער איז דוקא געקומען עפּעס אין אַ פּרינץ אַלבערט, אַן אלטען. נאָר וואָס ווייסט אַזאַ מענשעל ווי ער, וועגען מאניערען און סטייל— נו, איז דער אומגליקלאכער מענש געקומען מיט אַ רויטער טאַי . . . אז מיין פרוי האָט דאָס דערזען האָט זי גלייך אנגעהויבען חלשן . . . וואָס הייסט חלשן, זי האָט מיך איבערגעשראָקען אויף טויט. האָב איך זיך קוים איינגעבעטען באם חתן'ס צד, אז זיי זאָלען אים משלח זיין . . . זיצט ער ערגעץ אין אַ מוא־ווינג פּיקטשע. אָל בעטשע אַז אים איז דאָרט באַקוועמער צו זיצען ווי מיר דאָ."

איך האָב מורא געהאַט פיל צו רעדען מיט מר. בארנארד'ן . . . ווייל איך האָב געפילט אז אַט, אַט ברעכט ער אוים אין אַ גע־וויין . . . און עס וואָלט דאָך געווען אַ לייטישער געלעכטער . . . וואָס וואָלטען די גענעראלען געטראכט וועגען דעם? . . . עס וואָלט דאָך געווען אַ מיאוסקייט ווען אזא זאַך פּאַסירט . . . מען וואָלט דאָך קיינמאָל ניט געקענט מער קריגען אַ דזשענע־

ראל אפילו אויף א רפואה, צו א אידישער חתונה . . . און ניט קענענדיג צוזען דעם אַלטען בארנארדס ליידען, בין איך גלייך נאָכ'ן חתונה־דינער אַוועק אהיים.

אין צוויי טעג שפּעטער איז ווידער סעמועל בארנארד געקו־מען צו מיר אין אָפּיס און איצט איז ער שוין געווען א גאַנץ פריילאכער, אזוי ווי א גאנצער בארג וואלט אים פלוצלונג ארונ־טערגעפאַלען פון די פּלייצעס . . . „עס פרייט מיך אייך צו זען אזוי אויפגעלייגט, מר. בארנארד", האָב איך אים באַגריסט.

— „יעס, איך בין גאָט צו דאַנקען פּטור פון אַלע מיינע צרות, אויף א קורץ שטיקעל צייט, אמוויינינגסטענס. איר ווייסט, באַלד נאָך דער חתונה איז געקומען דער האַנימון אויפן טאָגעס־אָרד־נונג. מען פאָרט קיין האוואיא, און פון דאָרט פאָרט מען וואו די אויגען וועלען טראָגען. האָט מיך מיין פרוי אוועקגערופען אין א זייט און מיר געהייסען שרייבען א טשעק פאר פינף טויזענט דאלער אלס א חתונה פּרעזענט און אויך צו שטייער אויפ'ן האָנימון.

„איך האָב ניט" האָב איך איר איינגערוימט אין אויער . . . איך האָב שוין געבאָרגט איבער דעם „לימיט" בא דער באנק . . . איך בין באנקראָט. — האָט מיין פרוי ווידער אנגעהויבען חלשן . . . און דאָס קען איך ניט ליידען . . . בין איך אוועק צו מיין באנק און אָפּגעקעשט א טשעק פאר פינף טויזענט דאלער . . . און איך האָב ניט קיין פינף טויזענט סענט דעם טשעק גוט צו מאַכען . . . זיי וועלען דאָס מן הסתם היינט אויסגעפינען אין דער באנק . . . וואס דען האָב איך געקענט טאָן . . . גייען צושטערען מיין טאָכטער'ס האָנימון . . . און האָבען א פאר־חלש'טע ווייב אויף מיינע הענט . . .

נו, איז איצט, ווערליג איך פארשטיי, דארף איך קיין בענק־

ראפּסי ניט דורכגייען . . . טאָ, זייט אזוי גוט, טוט אָן אייער מאַנטעל און פירט מיך גלייך אין דזשייל . . . איך וויל ניט קיין קאורטס און איך וויל ניט קיין טרייעלס . . . צו וואָס זיי נאָך פארשווארצען זייערע פּנימער? . . . און וואָס קען איך, א שטײ־גער טענה׳ן אין קאָורט? . . . איך האָב געוואוסט אז איך האָב ניט קיין געלט אויף מיין אקאונט ווען איך האָב געקעשט דעם טשעק . . . און גלויבט מיר . . . איך בין אזוי מיד פון די גע־נעראַלען, מיט די ליוטענאנטען, די אָפּערא זינגער, און מיט די מיליטערישע חתונות, אַז איך מוז האָבען רו . . . נו, אפשר וועל איך זיך דאָרטען אין דזשייל טאַקי אביסעל אויסרוען . . . קומט . . . איך בין זייער מיד.״

אינהאַלט:

מיקיס בר מצוה	זעקס
אַראָפּגערעדט זיך פון האַרצען	זיבעצען
חוצפה	איין־און־צוואנציג
שידוכים און מארגיידזשעס	ניין־און־צוואַנציג
„סאליספּעקשאָן"	זעקס־און־דרייסיג
„רעבי" טשאַרלי, דער שוהל פּרעזידענט	פיער־און־פערציג
דער איד מיט'ן פּ־פּ־פּעטען	זעקס־און־פופציג
זי וויל א „דיוואָרס"	דריי־און־זעכציג
ארקע בונטשיק דער „רענדלער"	איין־און־זיבעציג
„אַנעסט דזשייק"	אכציג
ער וועט „פייטען" דעם גט	פינף־און־אכציג
א קליענט און עקשן	פינף־און־ניינציג
מאָדערנע חתונות	הונדערט־און־צוויי